פרייז $1.00
0 84577 47945 2
Hakiryah
# הקריה
שבט-אדר תשע"ה לפ"ק
קרית יואל יצ"ו
148
בס"ד
ש'נת ה'רחבת ת'חומי ע'ירנו

# היסטאָרישער "אַנעקסעישאָן פּלאַן" אויסצובּרייטערן קרית יואל גרעניצן מיט 507 אַקער-לאַנד שפּאַנט פאָראויס נאָכ'ן "די-אי-סי" באַשלוס צו שענקען "ליעד עידזשענסי" סטאַטוס פאר קרית יואל

די-אי-סי קאָמישאָנער מאַרטינס שרייבט לענגערע אָפּהאַנדלונג אונטערצושטיצן זיין באַשלוס, מיט שטאַרק-סימפּאַטישע סענטימענטן לטובת קרית יואל – "סקאָופּ" דאָקומענט צוגעגרייט אין בעפאָרברייטונג צום באשטימטן "סקאָופּינג סעשאָן" קומענדיגען דינסטאָג הבעל"ט – איין ענווייראָמענטאַלע שטודיע וועט אַריינעמען ביידע אַנעקסעישאָן פאַרלאַנגען – אַנעקסעישאָן קען מעגליך זיין אַ געשעענער פאַקט בע"ה איידער ענדע פונעם קאַלענדער-יאָר

## "בעסטע-אין-סטעיט" פינאַנץ פאַרבעסערונג ביי "קרית יואל סקול דיסטריקט" רופט אַרויס הילכיגער קידוש שם שמים

"פיסקעל סטרעס טעסט" צייגט אומבגלויבליכע 50 פראָצענט פאַרבעסערונג אין דיסטריקט'ס פינאַנציעלע שטאַרקייט, טראָץ מינימאַלע טעקס-ראַטע העכערונג פון בלויז 2.98 פראָצענט

מיט אַ געפיל פון נחת און צופרידנהייט איז געוואָרן אויפגענומען די מעלדונג פונעם ניו יאָרק סטעיט קאָמפּטראָלער אַז די פינאַנציעלע ווירטשאַפט פון "קרית יואל סקול דיסטריקט" איז אָנגעקומען צו גאָר אַ פארבעסערטן שטאַפּל די לעצטע יאָר, אויסרופנדיג אַ געוואַלדיגן קידוש השם ביי די סטעיט אינסטאַנצן און איבער דער גאַנצער אומגעגנט.

די מעלדונג איז געקומען נאָך אַ גרונטליכן "איבערזיכט" אויף דער פינאַנציעלער ווירטשאַפט פונעם סקול דיסטריקט וואס ווערט גערופן אונטערן נאמען "פיסקעל סטרעס טעסט" און קומט אַלס טייל פון די אָפיציעלע אויפגאַבעס ביים סטעיט קאָמפּטראָלער, צו האַלטן אַ יערליכן איבערזיכט אויף אַלע רעגירונג קערפערשאַפטן איבער גאַנץ ניו יאָרק סטעיט.

די "סטרעס טעסט" פראָיעקט איז אַ סיסטעמאַטישע אונטערנעמונג וואָס דער סטעיט קאָמפּטראָלער האָט אָנגעהויבן מיט א יאָר-צוויי צוריק. פּונקט ווי די "פעדעראַל רעזערוו" מאַכט "סטרעס טעסטן" אויף אַלע בענק אין אַמעריקע, צו כאַפּן פּראָבלעמען באַצייטנס און זיי פאַרריכטן ווי שנעלער, אַזוי מאַכט דער קאָמפּטראָלער "סטרעס טעסטן" צו מעסטן די פינאַנציעלע שטאַנדהאַפטיגקייט פון די נאָנט צו 700 סקול דיסטריקטן איבער ניו יאָרק סטעיט.

ביי די פאַריעריגע "סטרעס טעסט", איז דער סקול דיסטריקט באַצייכנט געוואָרן "אין סטרעס", צוליב'ן אייגנאַרטיגן אויסשטעל פון די סקול דיסטריקט, וועלכע איז געווידמעט פאַר אַ קלענערע צאָל קינדער מיט ערנסטע געברויכן, אין קאָנטראַסט צו פילע צענדליגער טויזנטער קינדער כ"י אין מוסדות התורה והחינוך, ווי אויך צוליב דעם אויסשטעל פונעם שטייער סיסטעם, סטעיט עיד פארמולא, באָס טראַנספּאָרטאַציע, און אַ מאַנגעל אין קראַנטע קעש-רעזערוועןנ נאָכ'ן האַלטן די סקול-שטייערן צו אַ מינימום פאַר לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד.

אַ באזונדערע גרויסע אונטערנעמונג איז געווען דאס וואָס מיט עטליכע חדשים צוריק איז מען אדורך אַ מער גרונטליכן "אודיט" אזוי ווי יעדע רעגירונגס אגענטור גייט אדורך פון צייט צו צייט, עס האָט זיך געצויגן א שטיק צייט, במשך אַפּאָר וואָכן זענען אַראָפּגעקומען באַאַמטע פון די סטעיט, און דורכגענישטערט די גאַנצע פינאַנציעלע ווירטשאַפט פונעם סקול דיסטריקט אויפ'ן העכסטן שטאַפּל פון שטרענגקייט, די באַאַמטע זענען געזיצן אין די דיסטריקט אָפיסעס במשך וואכן לאַנג, און באַטראַכט אַלע פונקציעס פונעם דיסטריקט, פון פּוירטשעסינג ביז באָסעס, פון "טיים-שיטס" ביז העלט אינשורענס, איבערהויפּט אַלע ברייט-

(פארזעצונג אויף זייט 15)

זעט פולן באַריכט איבער אַנעקסעישאָן, און בכלל איבער מצב פון דירות אין קרית יואל, אין באַזונדערע ביילאַגע אין צענטער פון היינטיגן נומער




## ריוח והצלה יעמוד ליהודים

די גאַנצע אינפאָרמאַציע וואָס ס'שפּילט זיך אָפּ אונטער די קוליסן.

דער מצב פון דירות אין קרית יואל וואָס ווערט כסדר שווערער; די אומערמידליכע האָרעוואַניע פון די געטרייע הנהלת הקרי', וועלכע האָט פאָרגעזען דעם פּראָבלעם און אַרבעט אָן אויפהער צו טון אַלעס וואָס אין אירע מעגליכקייטן צו ברענגען אַ לעזונג בעז"ה; דער שענדליכער פאַררעטאַט און די געמיינע אַרבעט פון קרית יואל'ס שונאים, מבית ומבחוץ, צו מאַכן דעם מצב וואָס שווערער

בשם ה' נעשה ונצליח, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי!

5

# ענדגילטיגע פערמיט פון נ.י. סטעיט "די-אי-סי" באַשטעטיגט לאַנג-ערוואַרטעטן "מירון-רימאַנאוו קאָנעקטאָר ראָוד"; נאָמען פון נייע גאַס באַשטימט אַלס "דעעש בולעוואַרד"

פאַרלאַנגט גאַר טייערע איינריכטונגען, ספּעציעלע בריקל און "ריטעינינג" ווענט – 26 פיס ברייטער קאָנעקטאָר-ראָוד וועט אויסגעפלאַסטערט ווערן ווי נאָר דער "בלעקטאָפּ סעזאָן" הויבט זיך אָן

הקרי' וואונטשט פאַר אַלע חשוב'ע איינוואוינער שיהיו אַ פריילכן פורים

# וואַסער־ראַטע העכערונגען, צו דעקן שטייגנדע אויסגאַבן אינעם לויפנדן וואַסער דעפּאַרטמענט בודזשעט, אַריין אין אַפעקט

נאך איין און צוואָנציג יאָר זינט לעצטע וואַסער-ראַטע העכערונג – באַזונדערע "וואַסער קאָנעקשאָן אָפּצאָל" פאַר נייע פּראָיעקטן אין קרית יואל איינגעשטעלט געוואָרן, פאַר דעקונג פון פּייפּליין-באָנד

תושבי קרית יואל זענען כסדר געוואוינט צו ליינען איבער די פאַרשידענע אַקטיוויטעטן פון די קרית יואל וואַסער דעפּאַרטמענט צוצושטעלן וואַסער פאַר'ן טעגליכן געברויך. ביז היינט האָט מען כסדר געהערט רעדן איבער גראָבן און מענטעינען די קוועלער; בויען און מענטעינען די ריזיגע וואַסער-טענק; אויפהאַלטן און באַגלייטן דעם פילטערינג פלענט אויף באַרדיטשוב ראָוד, און אַנדערע טייערע אַרבייט וואָס ברויך כסדר ווערן געטאָן פאַר די וואַסער געברויכן, און אין די לעצטע יאָר-צוויי הערט מען שוין אויך איבער דעם מאַסיוון "פּייפּליין פּראָיעקט" וועלכע איז שוין טיף אינמיטן די קאָנסטראָקשאָן אַרבייט, און וועט האָפנטליך זיין די ענדגילטיגע לעזונג צום וואַסער פּראָבלעם אין קרית יואל.

וואָס עס איז אפשר נישט גענוג ברייט אויסגעשמועסט געוואָרן ביז היינט, איז דער חלק פון די שווערע אויסגאַבן אין וועלכע דאָס אַלעס שלעפּט אַריין, וואָס ברויך ווערן געדעקט דורך די וואַסער-אָפּצאָלן וואָס קרית יואל'ער איינוואוינער באַצאָלן פאַר'ן באַנוץ פער גאַלאָן. די וואַסער-ראַטע איז ביז היינט געשטאַנען אין קרית יואל ביי 2.75 דאָלער פער טויזנט גאַלאָן פון וואַסער-באַנוץ, וואָס די ראַטע האַלט שוין אָן זינט דאָס יאָר 1994 למספרם, ווען די ראַטעס זענען דאַן דאס לעצטע מאל געהעכערט געוואָרן צו 2.75 פער טויזנט גאַלאָן.

דורכאויס די יאָרן זענען די וואַסער אויסגאַבן כסדר געשטיגן, סיי ווען מאַטריאַל און אַרבייטס קראַפט זענען נאָכאַנאַנד אַרויפגעגאַנגען אין פרייז, און בעיקר ווען דער ווילעדזש איז געווען געצוואונגען אונטערצונעמען פאַרשידענע גרעסערע פּראָיעקטן, וואו גראָבן פרישע קוועלער אָדער קאָסטבאַרע אונטערנעמונגען איבערצופרישן אַלטע קוועלער, אַלעס צו פאַרגרעסערן דעם וואַסער-סופּליי צוליב דעם וואַקסנדן געברויך.

ביי געוויסע פעלער, ווען עס הערשט אַ טרוקעניש, ווערט דער ווילעדזש געצווינגען אַריינצוברענגען וואַסער מיט טאַנקער-טראָקס צוליב אַ מאַנגל אין לאָקאַלע סופּליי, וואָס דאָס האָט שטענדיג אַריינגעשלעפּט די וואַסער-אויסגאַבן אין ריזיגע דעפּעציטן, אַזש אַז אין די לעצטע עטליכע יאָר האָבן די יערליכע וואַסער-איינקונפטן מער נישט געדעקט די אויסגאַבן, און דער ווילעדזש האָט זיך געטראָפן מיט אַ נייעם יערליכן וואַסער-דעפּעציט.

די שטייגנדע אויסגאַבן און וואקסענדע דעפּיציטן, האָט געצוואונגען צו נעמען די נויטיגע שריט, און דער ווילעדזש באָורד האָט מיט אַ צייט צוריק, געשטימט איינצושטעלן וואַסער-ראַטע העכערונגען, ווי שוין געמאָלדן געוואָרן דא אין "הקריה", וואָס איז אַריין אין אַפעקט דעם יאנואר 1 למס'. די נייע ראַטע איז 3.75 פער טויזנט גאַלאָן, וואָס אין פאַרגלייך צו די וואַסער-ראַטעס אין די אַרומיגע געגנטער, איז דאָס נאָך אַלץ פיל אַ ביליגערער פרייז, ספּעציעל אַז דאָס קומט נאָך אַריבער צוואָנציג יאָר פון קיינע וואַסער העכערונגען.

עס ברויך דאָ באַטאָנט ווערן, אַז די קאָסטן זענען נישט געוואַקסן פון איין מינוט אויף דער אַנדערער, און טראָצדעם וואָס דער ווילעדזש האָט זיך דערזען מיט אַ שטייגנדן בודזשעט, האָבן זיי כסדר פּרובירט צו האַלטן די ראַטעס נידריג, מיט די האָפענונג אַז די קאָסטן וועלן זיך סטאַביליזירן און עס וועט נישט אויספעלן איינצושטעלן העכערונגען.

דערווייל האָט זיך שטענדיג געמאַכט עמערזשענסי וואַסער סיטואַציעס וואָס האָבן אַריינגעשלעפּט אין אומפאָראויסגעזעענע קאָסטן. ווי אויך האָבן טייל קוועלער אַריינגעצויגן אין גאָר טייערע און קאָסטבאַרע אונטערנעמונגען, אויפצולעבן און אָפּצוראַטעווען די קוועלער פון אויסטריקעניש און נאָך פאַרשידענע קאָסטבאַרע וואַסער-פּראָיעקטן דורכאויס די פאַרגאַנגענע פּאָר יאָר, וועלכע האָבן אינאיינעם געפירט צום לעצטן באַשלוס איינצושטעלן די דערמאַנטע העכערונגען.

אַלס אַ גוטער ביישפּיל פון מעינטענענס קאסטן קען דינען די אַרבייט וואָס קומט יעצט פאר בעת וואס די שורות ווערן געשריבן, אין צוגרייטונג צו די פאַרנומענע ערב פסח וואַסער-באַנוץ סעזאָן, עס גייען אן ארבייט ביי דריי קוועלער, איינס ביי קוואַל #29 ביים נייעם "דעש בולעווארד" (מירון-רימינוב קאנעקטער ראָוד), מ'פּרובירט איבערצוגרובן דעם קוואַל דורכן אינסטאלירן אַ ספּעציעלער גאר-קאסטבארע סקרין צו האלטן אָפּן דעם לאך ביז אַראָפּ, וואָס זאָל ערמעגליכען אַז דער גאַנצער וואַסער קראַפט פונעם קוואַל זאל אַרויפקומען, די אַרבייט קאָסט איבער $50,000. אַזוי אויך אַרבייט מען ביים קוואַל אויף בעיקערטאון ראוד נעבן דעם ביזנעס צענטער, ווי דער עקזיסטירנדע קוואַל איז שוין היבש אָפּגעשוואַכט און עס פאַרלאַנגט אז יעדע אַנדער-האלבן יאר דאַרף מען דאָס רייניגען מיט ספּעציעלע כעמיקאַלן וואָס באַטרעפט $20,000, און אויך איינע פון די קלענערע קוועלער וואָס מ'פּרובירט צו געווינען א שטערקערע פלוס פון וואסער דורכן עס רייניגען פארן סכום פון $10,000.

די אַלע אַרבייט נעמט מען כסדר אונטער צו פארזיכערן אַז אַלע קוועלער גיבן אַרויס דאס מאַקסימום וואסער מעגליך, אַז עס זאל בעז"ה נישט צוקומען צו קיין וואסער עמערדזשענסי און קריזיסן בפרט יעצט אין די בעפארשטייענדע ערב פסח טעג ווען די וואסער באנוץ זענען פון די העכסטע פונעם יאר.

*

אין דער זעלבער צייט איז אויך געמאָלדן געווארן דורכ'ן ווילעדזש, אַז ווי שוין פון-פאָראויס-געמאלדן פאַראַיאָר אין דער "הקריה", איז צום איצטיגן נייעם קאַלענדער יאָר 2015 למס', אויך אַריין אין אַפעקט אַ ספּעציעלער "קאָנעקשאָן אָפּצאָל" פאַרלאַנג, וואָס וועט איינקאַסירט ווערן פון אַלע נייע פּראיעקטן וואָס וועלן געבויט ווערן אין דער צוקונפט. דער אָפּצאָל ווערט אַרויפגעשטעלט אַלס טייל פון אַ פאַרלאַנג פון די סטעיט, פאַרלאַנגענדיג פונעם ווילעדזש צו צייגן באַווייז אויף מאַסגעבנדע פאָנדן, וויאַזוי דער ווילעדזש פלאַנט צו קענען באַצאָלן די לאַנג-טערמיניגע הלוואה אין פאָרעם פון אַ "45 מיליאן דאלער באַנד", וואָס דער ווילעדזש האָט אַרויסגענומען צו

(פארזעצונג אויף זייט 13)

# פּאָזיטיווע שליכטונג מיט פעדעראַלע EPA אַגענטור איבער אָנקלאַגע קעגן "בית השחיטה המהודרת"

שליכטונג פון 330,000 $ וועט ענדגילטיג לעזן די טענות איבער ווייאָלעישאָנס דורכ'ן בית השחיטה המהודרת פון עטליכע יאָר צוריק, ערמעגליכנדיג אָנצוגיין ווייטער מיט דער עבודת הקודש ביתר שאת ויתר עוז

**שאָקירנד: פינסטערע רשעים פון טרויעריג-באַרימטע "יונייטעד מאָנראָ", מיט אַקטיווער הילף פון זייערע פאַרבינדעטע אין די "קעי-דזשעי אַלייענס", געבן אַריין געמיינע מסירה צום ריכטער אין פאַרלאַנג צו הייבן שטראָף מיט מיליאָנען דאָלאַרן – פּרעכער פּרואוו צו שטערן עבודת הקודש פונעם בית השחיטה און שאָדן מאַכן פאַר צענדליגער טויזנטער אידן איבער גרעיטער נ.י.**

מיט גרויס צופרידנהייט איז אויפגענומען געוואָרן די נייעס מיט אַ חודש צוריק אַז די פעדעראַלע ענווייראָמענטאַלע-פּראָטעקשאָן אַגענטור (EPA) איז איינגעגאַנגען אויף אַ שליכטונג מיט די הנהלה פונעם "בית השחיטה המהודרת" אין קרית יואל, אונטער וועלכן די בית השחיטה וועט באַצאָלן אַ קנס פון 330,000 דאָלאַר און דערמיט וועט איינמאָל-פאַר-אַלעמאָל געשליכטעט ווערן די ווייאָלעישאָנס וואָס די אַגענטור האָט אַרויפגעלייגט אויפ'ן בית השחיטה צווישן די יאָרן פון 2009-2011 למספרם.

די טעמע איז שוין עטליכע מאָל באַריכטעט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון "הקריה", און מיר וועלן דאָס דעריבער בלויז איבערגיין אויפ'ן שפּיץ גאָפּל.

*

ווען מ'בויט אַ שלאַכט הויז פאַרלאַנגט זיך אויפצושטעלן אַ ספּעציעלע "פּרי-טריעטמענט" אָפּטיילונג וואָס זאָל באַהאַנדלען די שמוץ וואָס גייט אַרויס פונעם פלענט בעפאָר עס קומט אָן צום סוער, ווייל אַנדערש ווי געוויינליכע שמוץ, איז דער אָפּפאַל פון אַ שלאַכט-הויז פול מיט שטיקער פעטנס, ביינער, בלוט, און אַנדערע זאַכן וואָס קומען נישט געווענליך אָן אין אַ סוער פלענט. דעריבער פעלט זיך אויס אַ ספּעציעלער "פּרי-טריעטמענט" פלענט וואָס מאַכט זיכער אַז די שמוץ און אָפּפאַל וואָס גייט אַרויס פונעם שלאַכט-הויז ווערט גרונטליך צומאָלן און פאַרניכטעט נאָך בעפאָר ס'קומט אָן צום געהעריגן גרויסן סוער-פלענט.

נאַטורליך, ווי מער עופות עס ווערן גע'שחט'ן אינעם שלאַכט-הויז, פאַרלאַנגט זיך אַ גרעסערער "פּרי-טריעטמענט" פלענט זיך אָפּצוגעבן מיט די גרעסערע מאָס שמוץ און אָפּפאַל.

*

ווי פאַרשטענדליך האָט דער "בית השחיטה המהודרת" אויפגעשטעלט אַזאַ "פּרי-טריעטמענט" פלענט באַלד ווי נאָר ס'איז אַריין אין באַנוץ, און פאַר די ערשטע שטיק צייט האָט עס ווירקליך געדינט און אַלעס איז געפאָרן געשמירט.

אָבער נאָך אַ רעלאַטיוו קורצע צייט, צוליב וואָס דער "בית השחיטה המהודרת" האָט זיך איינגעקויפט אַ גלענצנדן נאָמען איבער גאַנץ ניו יאָרק און אפילו ווייט אַרויס פון די ניו יאָרקער גרעניצן אַלס "דער" בית השחיטה מיט די גרעסטע הידורים אין כשרות וואָס איז נאָר שייך, ווי אויך מיט דער גוטער קוואַליטעט און פרישקייט פון זייערע פּראָדוקטן, האָט מען זיך מיטאַמאָל דערזען אַז דער פאַרלאַנג פאַר די מהודר'דיגע עופות פונעם בית השחיטה איז אומגעהויער געשטיגן.

די הנהלת הבית השחיטה האָט זיך באַלד גענומען אַרבעטן צו פאַרגרעסערן דעם פּלאַץ אַז מ'זאָל קענען נאָכקומען דעם פאַרלאַנג פון אידן וואָס זוכן דאָס כשר'סטע און מהודר'סטע; דאָס בעסטע און שענסטע פאַר זייער קיך, און אַלס טייל פון די אַרבעט האָט מען ווי פאַרשטענדליך אויך אויסגעברייטערט דעם "פּרי-טריעטמענט" פלענט צו קענען פאַרנעמען די גרעסערע מאָס אָפּפאַל וואָס וועט איבערבלייבן נאָכ'ן

(פארזעצונג אויף זייט 13)

ליהודים היתה אורה:

# קרית יואל אָטעמט אָפּ נאך פּטור ווערן פון "קאַסינאָ" געפאַר, בס"ד, אַדאַנק דאָפּלטע געריכט־קלאַגע פון הנהלת הקרי'

תושבי קרית יואל והגלילות אָטעמען אָפּ העכסט צופרידן נאָכ'ן הערן די בשורה טובה, אַז מיט גרויסע סייעתא דשמיא איז די הייליגע שטאָט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם שווערן "קאַסינאָ" געפאַר וואָס האָט געלויערט אויף די אומגעגנט און איז איצט ב"ה אַראָפּ פונעם האָריזאָנט

די באַפרייאונג פון די שווערע גזירה אויף די קרית יואל אומגעגנט, איז געקומען אין פאָרעם פון אַ מעלדונג אַז די ניו יאָרק סטעיט רעגירונג וועט אָפיציעל ערלויבן אויפצובויען קאַסינאָ-פאַרוויילונג-צענטערן אין די טאון און טאמפּסאָן אין די קעטסקילס, נעבן אָלבאַני און נעבן סקענעקטעדי. דער פּראָצעדור פון אויסקלויבן די פּלעצער האָט געדויערט גאָר אַ לאַנגע צייט, און טראָץ די מעלדונג פון די 3 לאָקאַלן אַ חודש-צוויי צוריק, איז די סטעיט נאָך אַלץ נישט פאַרטיג. די פּראָצעדורן זענען נאָכאַמאָל געעפנט געוואָרן, וויבאַלד די סטעיט וויל נאָך אַ קאַסינאָ אין דער געגנט פון דרום-מערב ניו יאָרק, ביי באָפעלאָ אָדער ערגעץ אַרום.

אָט די נייעס פון די קאָומאָ אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעצייכנט נאָך אַ געוואַלדיגע דערגרייכונג פאַר'ן וואוילזיין פון אונזער הייליגע שטאָט קרית יואל, בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, דער מייסד הקרי'.

*

ווערטער קענען און דאַרפן ניטאַמאָל מסביר זיין די שעדליכקייט פון אַ קאַסינאָ ביי די שוועל פון קרית יואל, מיט אַלע קאָנסעקווענצן פון אַזאַ פאַרוויילונג צענטער אויף מיילן ווייט, אין יעדן הינזיכט וואָס איז נאָר שייך. פאָרט אָבער האָט די סטעיט זייער שטאַרק געוואָלט אַריינברענגען קאַסינאָס אין איר טעריטאָריע צו קענען פאַרדינען די הויכע שטייער-געלטער, אָפּגעזען אויף די לאָקאַלע נאָכווייען. די סטעיט האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו באַטראַכטן אַלע פאָרשלאַגן און באַשטימען וועלכע עס איז די בעסטע, לויט די קאָסטן, איינקונפט, לאָקאַציע, און נאָך פילע איינצלהייטן.

מיט'ן זעלבן אייפער נאָך שטייער-געלטער און אַריינברענגען די מאַקסימום עקאָנאָמישע טראַפיק – מערסטנס פון דרויסנדיגע און אויסלענדער – האָבן אַ גרויסע צאָל לאָקאַלע באַאַמטע איבער די גאַנצע סטעיט געוואָלט האָבן אַ קאַסינאָ אין זייער געגנט. די גרעסטע קאַמפּיין האָבן געפירט באַאַמטע אין די אָלסטער און סאַליוואָן קאַונטיס אין די קעטסקילס, זאָגנדיג אַז די עקאָנאָמיע דאָרט ברעכט אונטער, איינוואוינער ציען זיך אַוועק אין גרויסן, ביזנעסער באַנקראָטירן, און דער בעסטער וועג אויפצולעבן די לאָקאַלע עקאָנאָמיע און שטייער-באַזע, איז דורך אַ קאַסינאָ.

די רעגירונג אין אָראַנדזש קאַונטי, אין וואָס קרית יואל געפינט זיך, האָט

(פארזעצונג אויף זייט 16)

**ויחל הבית לבנות:**

# בשעטומ"צ אָנגעהויבן פּאַקטישע בוי-אַרבעט ביי געפּלאַנטן דריי-שטאָקיגן פליגל צום ביהמ"ד ברך משה דקהלתינו הק'

שפאנונג שטייגט ביי ארטיגע פילצאליגע תושבים מיטהאלטנדיג שנעלע פראגרעס איבער דער מלאכת הבנייה

א פריידיגע שטימונג הערשט ביי די איינוואוינער פון ד.א. ווידער-קאזניץ און דער אומגעגנט, זעענדיג ווי נאך לאנגע חדשים פון אינטענסיווע בעפארגרייטונגען און הכנות, איז בשטומ"צ אין די פארגאנגענע וואכן פולשטענדיג אריין אין קראפט די עמטליכע בוי ארבעט וואס פארשפרעכט א גראנדיעזן פליגל פון דריי שטאק, וואס וועט צוגעטשעפעט ווערן צום ביז איצטיגן בנין ביהמ"ד "ברך משה" דקהלתינו הק'.

די צוגאבע צום ביהמ"ד איז א זאך וואס האט זיך גאר דרינגנד אויסגעפעלט צוליב די גרויסע געדרענג, און צמצום אין פלאץ, ובפרט ווען אצינד וועט אינעם אונטערשטן שטאק אויפגעבויט ווערן דער פראכטפולער מקוה המהודרת וואס וועט צושטעלן פאר די ארטיגע איינוואוינער א מקוה ביי דער האנט, איבערהויפט ווען דאס וועט אי"ה ערמעגליכן דעם באנוץ פון דעם ביהמ"ד בימי החול.

פארגאנגענעם וואך ווען ס'איז אין ביהמ"ד ברך משה געפראוועט געווארן דער מסיבת "שבת ברכות" לכבוד הגה"צ רב דבתי מדרשים ויואל משה-ברך משה, אין ביהמ"ד ברך משה, האט כ"ק מרן רבינו שליט"א ארויסגעבריגגט רגשי לבבו איבער דער לאנג ערווארטעטער אנהויב פון דעם פליגל וואס וועט אי"ה דינען אלס בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה, און וועט ענטהאלטן אין זיך חדרי תפלה, און שטיבלעך צום פארלערנען, א געהעריגע רחבות'דיגע עזרת נשים, און איבערהויפט דער "מקוה מהודרת" וואס וועט דינען אלס שטארקע דערלייכטערונג פאר דער גאנצער געגנט, רבינו שליט"א האט אנגעוואונטשן מברכותיו הקדושים, אז דער "תחתיים, שניים, שלישים" די דריי קאלאסאלע שטאקן, זאלן אינגיכן פארפולקאמט ווערן לשמחת לב תושבי המקום.

זינט די הנהלת הקרי' האט אנגעהויבן צו באטראכטן פלענער פון פארברייטערן

(פארזעצונג אויף זייט 11)



סקיצע פון פּראַכטפולן ביהמ"ד וואָס וועט ווערן אַהערגעשטעלט ביים באַרימטן "ביהמ"ד ברך משה" – ערשטער ביהמ"ד וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לשמו ולזכרו פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

# קאַונטי עקזעקיוטיוו ניוהאַוז באַשטימט אינזשענירונג פירמע צו פּלאַנירן גיגאַנטישע סוער-פאַרברייטונגען מיט 3 מיליאָן גאַלאָן טעגליך

אין איינקלאַנג מיט היסטאָרישן אָפּמאַך צווישן קאַונטי און קרית יואל וואָס האָט ענדגילטיג ערמעגליכקייט דעם אָנהויב פונעם מאַכטפולן "קרית יואל פייפליין פראָיעקט" – פלענער וועלן האָפנטליך זיין גרייט ביז אַ יאָר – פאַרשידענע סוער אָפּציעס אויפ'ן טיש צו פאַרברייטערן עקזיסטירנדע "הערימאַן סוער פלענט" אָדער בויען שפּאָגל-נייעם סוער פלענט אין ניו-ווינדסאר

אין אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין דער אָראַנזש קאַונטי רעגירונג האָט דער קאַונטי עקזעקיוטיוו גלאָזט מעלדן דעם פאַרגאַנגענעם יאַנואַר 13 איבער סוער-פאַרברייטערונג-פּלענער וועלכע גייט אָט אַריין אין ערנסטערע פאַזעס, מיט דער באַשטימונג פון די "דעלעווער אינזשערינג" פירמע אַלס די פירמע וועלכע זאָל שטודירן און אויפקומען מיט די בעסטע פּלענער צו פאַרברייטערן די סוער מעגליכקייטן פאַר די קאַונטי, צו קענען פאַרנעמען וואוקס פון קאָמערציאַלע און רעזידענציאַלע געבוריכן לענגאויס מזרח אראנדזש קאַונטי.

אַ גרויסער טייל פון אונזערע ליינער זענען שוין באַקאַנט מיט'ן סוער-

(פארזעצונג אויף זייט 10)

# מלכות'דיגע אויפנאַמע פאַר הויכגעשעצטן גאָווערנאָר ענדרו קאָומאָ ירה ביי זיין באַזוך אין קרית יואל

**באַזוך בלויז 2 טעג פאַר פאַרלאָפענע נאָוועמבער-וואַלן, איבערצייגט נאָענטן קשר פון גאָווערנאָר צו קרית יואל – אויפגענומען מיט כבוד בביתו נאוה קודש פון מרא דאתרא מרן רבינו הגה"ק שליט"א, אין אָנוועזנהייט פון ראשי מלכות סאַטמאַר איבער גרעיטער ניו יאָרק – גאָווערנאָר שיקט פערזענליכן בריוו נאָך די וואַלן פאַר'ן ראה"ק וראש העיר קרית יואל הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו זיך צו באַדאַנקען פאַר די שטיצע דורכאויס דעם קאַמפּיין**

דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג וירא העעל"ט, בלויז 2 טעג פאַר די גאָר וויכטיגע "נאָוועמבער וואַלן" וועלכע זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק, אין וועלכע עס איז צווישן אַנדערן פאָרגעקומען דער פאַרמעסט פאַר'ן גאָווערנאָר-אַמט פון ניו יאָרק סטעיט – וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס דער דריט-וויכטיגסטער פּאָליטישע אַמט אין די פאַראייניגטע שטאַטן! – האָט די שטאָט קרית יואל געהאַט דעם כבוד אַז דער הויכגעשעצטער גאָווערנאָר ענדרו קאָומאָ יר"ה איז איר געקומען באַזוכן.

דער פאַקט אַז שטייענדיג אַזוי נאָענט צו די וואַלן האָט דער גאָווערנאָר אויסגעקליבן צו קומען באַזוכן אין דער שטאָט האָט אַרויסגעברענגט גאָר הילכיג די שטאַרקע נאָנטשאַפט וואָס דער גאָווערנאָר האָט אָנגעקניפּט מיט די הנהלת קרית יואל, וועלכע אַרבעטן שוין מיט'ן גאָווערנאָר האַנט-ביי-האַנט פאַר צענדליגער יאָרן, נאָך פון ווען ער האָט געדינט אין פאַרשידענע אָפיסעס אונטער זיין פאָטער, דער געוועזענער גאָווערנאָר מאַריאָ קאָומאָ, און שפּעטער אַלס "האָד" סעקרעטאַר אין די קלינטאָן אַדמיניסטראַציע דורכאויס די 990'ער יאָרן, אא"וו.

### זכרונות פון אַמאָל: פייערליכע אויפנאַמע פאַר געוועזענעם גאָווערנאָר מאַריאָ קאָומאָ

דער איצטיגער באַזוך פונעם גאָווערנאָר האָט ווירקליך אויפגעברענגט זכרונות פון די מאַיעסטעטישע אויפנאַמע וואָס קרית יואל האָט צוגעשטעלט מיט יאָרן צוריק פאַר'ן פאַרשטאָרבענעם פאָטער פונעם איצטיגן גאָווערנאָר, דאַן-גאָווערנאָר מאַריאָ קאָומאָ, וועלכער איז אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך טויזנטער תושבי קרית יואל און אירע תינוקות של בית רבן, נאָכגעפאָלגט מיט אַ פייערליכע מסיבה בביתו נאוה קודש פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, אָפּצוגעבן הכרת הטוב פאַר'ן גאָווערנאָר וועלכער האָט זיך ממש איבערגעגעבן אַדורכצופירן דעם היסטאָרישן "לענדמאַרק" געזעץ צו ערמעגליכן פאַר קרית יואל צו גרינדן איר אייגענער "סקול דיסטריקט".

היינט, מיט אַ בליק אויף צוריק, קען מען זיך נישט גענוג אָפּוואונדערן אויף דער מחזה הוד, ווען מ'קוקט זיך אום די טייערע חשוב'ע קינדערלעך שיחיו וועלכע ווערן ערצויגן מיט אַ ריכטיגן חינוך אַלס רעזולטאַט פון דער איבערגעגעבנקייט פון די רעגירונג'ס באַאַמטע, אין שפּיץ פון גאָווערנאָר מאַריאָ קאָומאָ [און אַזוי אויך זיין נאָכפאָלגער, גאָווערנאָר פּאָטאַקי], וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרנישט אין פאַרזיכערן אַז קרית יואל קען ווירקליך צושטאַנד-ברענגען די היסטאָרישע דערגרייכונג פון אַן אייגענעם "סקול דיסטריקט", אַדאַנק וועלכן מ'האָט אָפּגעראַטעוועט הונדערטער אידישע שטיבער און אַזויפיל הייליגע נשמה'לעך במשך די עטליכע צענדליגער יאָרן וואָס דער הייליגער מוסד "שערי חמלה" גייט אָן ביתר שאת ויתר עוז.

די עיני העדה אָבער, אין שפּיץ פונעם גדול הדור רשכבה"ג מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, האָט שוין דאַן געזען בעינים הבדולחים די זיסע פּירות וואָס וועלן אַרויסקומען פון די שווערע

(פארזעצונג אויף זייט 27)

פולע רעדע פון הויכגעשעצטן גאָווערנאָר קאָומאָ ירום הודו 27

פולע דרשה פון ראש הקהל וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו 29

**קול מחאה במחנה**

# שטאַרקער בריוו פון קרית יואל הילכט אָפּ קעגן פּרעצעדענטלאָזע התגרות־באומות־רעדע פון ראש ממשלת הכופרים אין וואַשינגטאָן

## כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א פאַרדאַמט פראוואצירנדע רעדע ביי היסטאָרישע דרשה אין אַנטווערפּן פאַרגאַנגענעם מוצש"ק העעל"ט - ראה"ק וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו ברענגט אַרויס אַז מדינת ישראל טוט נישט רעפּרעזענטירן די מיינונג פונעם אלוועלטליכען ערליכען אידנטום –רופט מתפלל צו זיין לשלומה של מלכות און אַרויסווייזן סאלדאריטעט מיטן אַמעריקאַנער פרעזידענט יר"ה

אַ הילכיגער קול מחאה האָט אָפּגעהילכט אין די גאַנצע אידישע און נישט-אידישע גאס צוגלייך, מיטן שאַרפן און אומצווייידיטיגער בריוו וואָס דער חשוב'ער ראה"ק וראש העיר פון קרית יואל הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו האָט געשיקט צום לאָקאַלער קאָנגרעסמאַן מעלאוני, ארונטערייסנדיג די גאָר טראָציגע רעדע אין וועלכע דער ראש הממשלה פון מדינת ישראל בנימין נתניהו, ריישט זיך צו קומען קיין וואַשינגטאָן און אַדרעסירן קאָנגרעס אַקעגן די ווילן און אינטערעסן פון דער אַמעריקאַנער פרעזידענט יר"ה.

די נייעס גייט צוריק עטליכע חדשים ווען דער פּרעמיער מיניסטער פון די מדינת ישראל האָט אָפּגעמאַכט אַז פאַר זיין לאָקאַלע פּאָליטיק אין די מדינה וועט בעסער טויגן אַז ער וועט זיך אַרויסשטעלן אַלס קעגנער פונעם אַמעריקאַנער פרעזידענט אָבאַמאַ און זיינע פּאַליסיס כלפּי מיטל-מזרח, דער קלימאַקס פון זיין חוצפּה האָט אָבער געגרייכט ווען ער האָט באַשלאָסן אָנצונעמען אַ רעדע פארן קאָנגרעס, וואָס קעגנער פונעם פּרעזידענט אַראַנזשירן, און דערמיט צו צייגן פאַר אָבאַמאַ אַז דאָס אידישע פאָלק איז נישט צופרידן מיט זיינע פּאַליסיס.

עס איז איבריג אויסצושמועסן די געפערליכע און נידריגע עולה וואָס נתניהו איז דאָ גרייט צו טאָן, בעת וואָס אמעריקא איז דער גרעסטער געלט שטיצער און העלפט אַרויס זייער מדינה אויף יעדן טריט און שריט, איז ער גרייט פאר זיין פּאָליטיק זיך צו רייצן און אויפרעגן דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט.

די התגרות באומות איז פּרעצעדענטלאָז און עס לאָזט זיך נישט גלייבן ווי נידריג זייער חוצפּה קען גרייכן.

ביי די היסטאָרישע דרשה אין אַנטווערפּן פאַרגאַנגענעם מוצ"ש פּרשת תרומה העעל"ט, האָט כ"ק רבינו שליט"א דערמאַנט דעם שענדליכען אַקט און גאָר שאַרף פאַרדאַמט דעם ראש ממשלת הכופרים פארן באַגיין אַזאַ שריט, און גערופן שלומי אמוני ישראל זיך אָפּצושאָקלען פון אַזעלכע אַקטיוויטעטן, נאָר פאַרקערט אַרויסווייזן סאלדאריטעט און געטריישאַפט צום לאַנד אין וועלכע מיר וואוינען, אַזוי ווי חז"ל לערנען אונז הוי מתפּלל בשלומה של מלכות.

אין די זעלבע צייט האָבן זיך חשוב'ע עסקנים פאַרבינדן מיט די הנהלת קרית יואל ובראשם די עסקנים פונעם חשוב'ען מוסד "נטרונא" וועלכע געבן זיך אָפּ מפרסם צו זיין די שטעלונג פון שלומי אמוני ישראל אין די וועלט, בעטנדיג דער ראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו זאל אָפּשרייבן אַ בריוו איבער די רעדע, מיטן ערקלערונג אַז אַזאַ בריוו קען האָבן אַ שטאַרקע אָפּקלאַנג. נאָכן איבערשמועסן דעם ענין מיט כ"ק רבינו שליט"אַ האָט דער ראש העיר הי"ו בעידודו פונעם רבי'ן שליט"אַ אפגעשריבן גאָר אַ שטארקער בריוו צום לאָקאַלער קאָנגרעסמאַן וואָס איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן אין די אַלגעמיינע פּרעסע, אַרויסברענגענדיג די קעגנערשאַפט פון תושבי קרית יואל בפרט און דער חרדישער אידנטום בכלל צו די געמיינע חוצפּה פון די מדינה, אויספירנדיג מיט אַ ביטע אַז דער קאָנגרעסמאַן זאל אויסדריקן די ווילן פון די מענטשן וועם ער רעפּרעזענטירט דורכ'ן נישט אַנטייל נעמען ביי די געוואַגטע רעדע.

אינעם בריוו גייט דער חשוב'ער מעיאָר הי"ו אַריין אין די פונדאָמענטאַלע יסודות אין וואָס מיר אידישע קינדער טוען גלויבן, אַרויסברענגענדיג אַז מדינת ישראל טוט בכלל נישט רעפּרעזענטירן אידן און אידישקייט, אדרבא, עס איז אונזער פליכט זיך צו שטעלן אונטער דעם פּרעזידענט יר"ה און מתפּלל זיין פארן פרידן פון די לאַנד אין וועלכע מיר וואונען, און אַז די אַלע פּראוואקציעס זענען אַ שאַרפע קאָנטראַסט מיט כל הקודש לנו.

אין לנו חלק ונחלה במעל הזאת.

Feb 25 2015 10:31am P001/001

**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

February 24, 2015

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

Hon. Sean Patrick Maloney
House of Representatives
1529 Longworth House Build.
Washington, D.C. 20515

Dear Rep. Maloney:

The core theme of Judaism is adherence to true Torah ideals and Jewish people the world over and through the ages have identified and continue to identify with this philosophy. And your constituents in the Village of Kiryas Joel, home to almost 25,000 Orthodox Jews, all the more so.

Torah ideals guide us to be loyal citizens in our country of residence, to respect our elected leaders and to pray for their wellbeing and prosperity (for further insight visit **truetorahjews.com**). We were therefore utterly dismayed by Israeli Prime Minister Netanyahu's agreeing to address a joint session of Congress without first obtaining the President's consent and without even the courtesy of consulting with the White House.

Netanyahu's acceptance signaled his intent to challenge the President's foreign policy on American soil. His unprecedented actions are a direct insult to the office of the President.

The intent of this letter is three-fold; first to defend the honor and prestige of the office of the President; second to decry Netanyahu's breach of diplomatic protocol and last but not least to repudiate his claim to be the spokesman of the Jewish people. Neither he nor his state represent world Jewry.

Therefore, on behalf of our joint constituents I respectfully request that you not attend Netanyahu's address. Your absence would send a clear message that your constituents' want no part of Netanyahu's callousness towards the office of the President.

Respectfully,

Abraham Wieder
Mayor

AW/af

**הקריה**
נייעס און באריכטן פון קרית יואל
**HAKIRYAH**
**51 Forest Rd. #390 - Monroe, NY 10950**
Tel: **845-418-6834** Fax: **845-774-7945**
Email: **hakiryah@gmail.com**

אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער\אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעס.
אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע, אויף אייער פארלאנג.

Hakiryah is not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# ענדגילטיגע פערמיט פון נ.י. סטעיט "די-אי-סי" באַשטעטיגט לאַנג-ערוואַרטעטן "מירון-רימאַנאוו קאָנעקטאָר ראָוד"; נאָמען פון נייע גאַס באַשטימט אלס "דעעש בולעווארד"

**פאַרלאַנגט גאָר טייערע איינריכטונגען, ספּעציעלע בריקל און "ריטעינינג" ווענט – 26 פיס ברייטער קאָנעקטאָר-ראָוד וועט אויסגעפלאַסטערט ווערן ווי נאָר דער "בלעקטאַפּ סעזאָן" הויבט זיך אָן**

מיט גרויס פרייד האָבן די איינוואוינער אויפגענומען די בשורה טובה איבער די אנטוויקלונגען ארום די קאָנסטראָקציע אַרבייט ביים לאַנג-ערוואַרטעטן און שטאַרק-געברויכטן "מירון-רימינוב קאָנעקטאָר ראָוד" וועלכע וועט פון היינט גערופן ווערן "דעעש בולעווארד", און וועט צוזאַמברענגען די צוויי עקן פון די שטאָט און דערונטער בעזהשי"ת גאָר שטאַרק לינדערן די טראַפיק-אָנלייגענישן אויף די צענטראַלע ראָודס און גאַסן פון קרית יואל.

## דער "וועט לענד" פּראָבלעם

ווי באַריכטעט אינעם פריערדיגן נומער, איז נאָכדעם וואָס דער ווילעדזש האָט ווידעראַמאָל אַריינגעשיקט צום "די-אי-סי" די איבערגעמאַכטע פּלענער פאַר'ן פאָרגעשלאָגענעם "קאָנעקטאָר ראָוד" וואָס וועט לויפן פון מירון דרייוו אונטער פּראַג און יואל קליין בלווד. ביז רימינוב ראָוד קעגנאיבער דעם בנין פון ישיבת עצי חיים, האָט דער "די-אי-סי" אַראָפּגעשיקט אַ ספּעציעלן פאָרשטייער, פערזענליך אָפּצושאַצן און באַטראַכטן דעם גאַנצן שטח, איידער זיי קענען פאַסן זייער ענדגילטיגער באַשלוס איבער'ן פאָרשלאַג.

היות דער פאָרגעשלאָגענער ראָוד לויפט אויף אַ באָדן וואָס ווערט פאַרציכנט אין די שטאָטישע געזעץ-ביכער אַלס "וועט-לענד", פאַרלאַנגט דאָס אַ ספּעציעלע באַשטעטיגונג און פערמיט פון די דערמאַנטע "די-אי-סי", וואָס זיי פאַרפיגן אויף אַלע סטעיט ענווייראָמענטאַלע אַנגעלעגנהייטן.

אין אונזער פאַל האָט דער שטח שוין ערהאַלטן עטליכע פערמיטן צו בויען אויפן "וועט-לענד" ביים אַריינפלאַנצן צוויי מאַכטפולע "סוער מעינס" אין די פריע תש"ל און תש"מ יאָרן, וואָס לויפן דאָרט דורך ביז'ן "אָראַנדזש קאַונטי סוער-טריטמענט פלענט" אין הערימאַן, און שפּעטער ביים פאַרברייטערן די רערן נאָכן אויפבויען דעם ריזיגן "קרית יואל סוער-פלענט" אין די תש"ן יאָרן און ביים צולייגן "גריינדערס" און אַ "פּאָמפּ סטעישאָן".

יעדער פון די אַלע פּראָיעקטן האָט ערהאַלטן אַ באַזונדערן פערמיט צו קענען דורכצופירן די אַרבייט און אויך צו קענען צושטעלן אַ פערמאַנענטן וועג אַריין אָנצוקומען צום שטח צו קענען סערווירן די אַפּאַראַטן און אַנדערע מעינטענענס געברויכן, און דער ווילעדזש האָט אַצינד געהאַט פאַרלאַנגט אַז דער "די-אי-סי" זאָל דאָס יעצט אויך אין באַטראַכט נעמען, ביים באַשטימען איבער דעם דויערהאַפטיגן אויסגעפלאַסטערטן וועג, היות דאָס פאַרלאַנגט נישט קיין נייע "דיסטורבענס" (צושטערן) אויף די "וועט-לענד" מער ווי עס איז ביז היינט ערלויבט געוואָרן.

ווען דער ווילעדזש האָט מתחלה אַריינגעשיקט די אַפּליקאַציע און בייגעלייגט די אַלע פריערדערמאַנטע פערמיטן, האָט דער "די-אי-סי" קודם דערקלערט אַז דער פאַרלאַנג צו מאַכן אַ ברייטע דרייסיג-פיסיגער ראָוד קען נישט אין באַטראַכט קומען אויף דערווייל, ווען אַ שמעלערע 26-פיסיגע ראָוד קען זיין פונקט גענוג אויף צוצושטעלן אַ דורכפאָר-וועג. אָבער מער פון דעם האָבן זיי אָנגעמערקט, אַז די אַלע פריערדערמאַנטע פערמיטן שטעלן צו אַ צעמישטן בילד פון וואָס פונקטליך איז שוין געווען ערלויבט פריער, און דערפאַר פעלט זיך אויס אַז אַ פאָרשטייער פון זייער דעפּאַרטמענט זאָל ספּעציעל אַראָפּקומען מאַכן אַ שטודיע און באַטראַכטן פערזענליך דעם באָדן און וואָס דאָרט איז שוין ביז היינט געוואָרן באַשטעטיגט.

## "די-אי-סי" קומט אַראָפּ באַטראַכטן דעם שטח

דער ווילעדזש האָט אויך צוגעשטעלט צוויי ספּעציאַליסטן און קאָנסאָלטענטס וועלכע באַפאַסן זיך מיט אַזעלכע אַנגעלעגנהייטן, און צום באַשטימטן טאָג איז דער "די-אי-סי" פאָרשטייער אַראָפּגעקומען אַדורכצוגיין דעם באָדן און איר היסטאָריע.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער פאַרלאַנג פון "די-אי-סי" איז געווען אַ שטאַרקע טובה פאַר'ן פּראָיעקט, ווייל אָנגרייטנדיג די דאָקומענטן זענען אַפּירגעקומען בילדער פון פערצן יאָר צוריק, בשנת תשס"א, ווען מען האָט געאַרבייט אויפ'ן "פּאָמפּ סטעישאָן" אינמיטן דעם באָדן, און די "די-אי-סי" האָט דעמאָלס אָפיציעל באַשטעטיגט אַ וועג פון מירון דרייוו ביז צום פּאָמפּ סטעישאָן, וואָס דאָס איז געווען אַ שטאַרקער שטופּ איבערצוצייגן די "די-אי-סי" דאָס יאָ באַשטעטיגן.

דער צווייטער העלפט, פונעם פּאָמפּ-סטעישאָן ביז צום רימינוב ראָוד, האָט ביז היינט נאָר געהאַט אַ באַשטעטיגונג פון אַ שמאָלן וועג פון צוועלף פיס ברייט, וואָס אויף דעם האָט דער ווילעדזש פאַרלאַנגט אַ נייע באַשטעטיגונג אויסצופלאַסטערן און פאַרברייטערן צו לכה"פ 26 פיס ברייט, אויף דעם האָבן זיי פאַרלאַנגט אַז דער ווילעדזש זאָל דאָס 'פאַרגיטיגן' דורך צושטעלן און דעזיגנירן "וועט-לענד" אויף אַן אַנדערן אָרט, אויף אַזאַ מאָס שטח וואָס ווערט דאָ "דיסטורבד" מיט דער שאַפונג פון דעם ראָוד.

## דער ענדגילטיגער פערמיט און די ספּעציעלע פאַרלאַנגען

ביז אַפּאָר וואָכן נאָכן באַזוך האָט דער ווילעדזש ערהאַלטן דעם פאַרלאַנגטן פערמיט, אָבער דאָס איז מיטגעקומען מיט אַ היבש ביסל באַגרעניצונגען און קאָסטבאַרע פאַרלאַנגען, וועלכע דער ווילעדזש דאַרף אונטערנעמען צו קענען אויספירן דעם פּראָיעקט און ענדליך אַהערשטעלן דעם שטאַרק-וויכטיגן ראָוד. צווישן די באַגרעניצונגען ווערט טאַקע אָנגעצייכנט די פריערדערמאַנטע תנאי אַז דער ראָוד קען נישט זיין מער ווי 26 פיס ברייט, און אַזוי אויך ערלויבן זיי נישט צוצולייגן "סייד-וואקס" ביי די זייטן פונעם ראָוד פאַר פיסגייער.

ביי זייער באַזוך האָט "די-אי-סי" באַמערקט אַז טיילן פון די שטחים זענען אָנגעוואָרפן מיט מיסט און אַנדערע ברוכוואַרג, און זיי האָבן אויסגעדרוקט זאָרג אַז אויב וועט דאָרט זיין אַן אָפיציעלער דורכפאָר-ראָוד, וועט דער שטח נאָך מער געטשעפּעט ווערן דורך דאָס אָנוואַרפן מיט מיסט. דעריבער האָבן זיי צוגעשטעלט אַ פאַרלאַנג אַז דער ווילעדזש דאַרף אַרומנעמען דעם ראָוד מיט ספּעציעל הילצערנע צוימען פון ביידע זייטן, צו פאַרמיידן אַז דורכפאָרער אָדער אַנדערע פאַרבייגייער זאָלן נישט קענען אָנלייגן דעם שטח מיט מיסט און אָפּפאַל.

ביי טיילן וואו דער ראָוד וועט דורכלויפן איז דער שטח נישט אייניג אין דער הייעך, פאַרלאַנגען זיי אַז מ'זאָל לאָזן מאַכן ספּעציעל פעסטע "ריטעינינג ווענט" וואָס זאָל האַלטן דעם ראָוד פון איינזינקען, וואָס די ווענט זענען פון ספּעציעל-דויערהאַפטיגע צעמענטענע מאַטעריאַל, גענוג שטאַרק צו קענען פאַרנעמען דעם טראַפיק אויפ'ן ראָוד. ביי איין פלאַץ וואו עס לויפט דורך אַ טייכל און לויט די "די-אי-סי" שטודיעס האָדעווען זיך אין דעם טייכל פאַרשידענע שרצים, פאַרלאַנגט די "די-אי-סי" אַז מ'זאָל לאָזן אויפבויען אַ ספּעציעלן גאָר-קאָסטבאַרער בריקל אַריבער דעם טייכל, ענליך צו דאָס וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט ביים אַריינגאַנג צום "רוח החיים-קינדער פּאַרק" אויף לאַרקין דרייוו, וואָס די אַלע פאַרלאַנגען אינאיינעם שלעפּט אַריין דעם פּראָיעקט אין אזויפיל ווי אריבער א מיליאן דאָלאַר.

## אַרבייט אָנגעהויבן בשטומ"צ

נאָכן אָפּשאַצן די אַלע פאַרלאַנגען און איבערגיין מיט די אינזשענירן די פּלענער אַז עס זאָל אַקאָמאַדירן די אַלע צוגעלייגטע פאָרשריפטן, האָט מען זיך בעזהשי"ת ענדליך גענומען צו די אַרבייט, און פאַרבייגייער אויף רימינוב ראָוד, קעגנאיבער ישיבת עצי חיים, האָבן שוין געקענט באַמערקן די לעצטע וואָכן טראַקטאָר אַקטיוויטעטן, ביים אויסגלייכן דעם וועג און אַריינשטעלן די ספּעציעלע "ריטעינינג ווענט" ביי די זייטן.

לויט'ן פּלאַן וועט די אַרבייט פאָרזעצן דורכאויס די קומענדיגע וואכן, אָנצוגרייטן דעם באָדן אַז אין קומענדיגן מערץ-אַפּריל, ווען דער "בלעקטאַפּ סעזאָן" הייבט זיך אָן, דאָס הייסט ווען די פירמעס וואָס שטעלן צו די קוילן אויסצופלאַסטערן ראָודס און הייוועיס עפענען אויף נאָכ'ן ווינטער-סעזאָן, וועט שוין אַלעס זיין גרייט אַז מען זאָל קענען אויספלאַסטערן דעם נייעם ראָוד, אַזוי אַז בעפאר'ן זומער סעזאן וועט מען שוין אי"ה קענען אָנהייבן נוצן דעם נייעם "דעעש בולעווארד".

ומתקנין את הדרכים.





די העפטיגע בוי-ארבעט ביים קאנעקטער ראוד צוצוגרייטן דעם באדן דאס צו קענען אויספלאסטערן ביים קומענדיגן קוילן-אויספלאסטערן סעזאן



אַ בליק פון אויבן וואו דער "דעעש בולעווארד- קאנעקטאר ראָוד" גייט באַהעפטן צווישן מירון און רימאנוב



NEW YORK STATE DEPARTMENT OF ENVIRONMENTAL CONSERVATION
Facility DEC ID 3-3340-00294

**PERMIT**
Under the Environmental Conservation Law (ECL)

**Permittee and Facility Information**

| Permit Issued To: | Facility: |
|---|---|
| VILLAGE OF KIRYAS JOEL | CONNECTOR RD |
| PO BOX 566 | RIMENEV CT TO MERON DR |
| MONROE, NY 10949 | KIRYAS JOEL, NY |

Facility Location: in MONROE in ORANGE COUNTY Village: Kiryas Joel
Facility Principal Reference Point: NYTM-E: 569.849 NYTM-N: 4575.911
Latitude: 41°19'54.0" Longitude: 74°09'55.0"
Project Location: south of Meron Drive and 100 feet north of State Rt 17
Authorized Activity: This permit authorizes disturbances to NYS Freshwater Wetland MO-11 and the 100 foot adjacent area associated with improvements to an existing sewer pump station access road and sewer main line right of way. The existing, unpaved 12 foot wide access road will be widened to approximately 26 feet in width and paved.

All work must be conducted in strict accordanec with the plans referenced in Natural Resource Condition No. 1 of this permit.

**Permit Authorizations**

Freshwater Wetlands - Under Article 24

דער פערמיט פון די DEC וואס האט ערמעגליכט ב"ה צו קענען גיין ווייטער מיט די קריטיש וויכטיגע "מירון-רימאנוב קאנעקטאר ראָוד"

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin



**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# פלענינג באורד

## עפנטליכער ווענדונג צו אלע תושבי קרית יואל

אזוי ווי מיר גייען איבער אין די טעג פארשידענע פלענער צו פארבעסערן די זאונינג געזעצן זענען מיר גרייט צו הערן סיי וועלכע זאונינג און בילדינג פארשלאגן וואס קען זיין לטובת תושבי קרית יואל און די צוקונפטיגע דירות פראיעקטן. קאמענטארן קענען אנטהאלטן געדאנקען איבער אזעלכע זאכן ווי צום ביישפיל:

- שטאקן פער געביידע
- סכום דירות און מאקסימום גרויסקייט פער געביידע
- די סייז פון שטח ארום יעדע געביידע
- ווייטקייט פון די הייזער ביז צום ראוד
- פארקינג פלעצער פער דירה
- גארבעדזש איינריכטונגען אוןביימער פלאנצונגען ארום דעוועלאפמענטס



**אויב האט איר סיי וועלכע גוטע געדאנק איבער די דערמאנטע אדער אנדערע ענינים, פארבינדט אייך אויפן ספעציעלן:**

זאונינג קאודס האטליין
**845-492-3287**

אדער שריפטליך צו:

VILLAGE OF KJ
PLANNING BOARD
PO BOX 566
MONROE, NY 10949

**מיט דאנק**
**ווילעדזש**
**פלענינג באורד**

# עזרת חולים
## אפטיילונג




# געוואַלדיגע הצלחה פון נייעם פּראַכטפולן "פּידיעטריקס שטאָק" אין "עזרת חולים העלט צענטער" שטייגט איבער אַלע ערוואַרטונגען

אויסטערליש-פּאָזיטיווע פידבעק צוריקגעהערט ב"ה איבער די צוויי נייע פול-טיים דאָקטוירים: דר. פראומער און דר. דיק - הנהלה זוכט העפטיג נאָך אַ 4'טן פול-טיים דאָקטאָר צו קענען נאָכקומען שטייגנדן פאָרלאַנג

עס איז שוין אַ צייט-אָפּשניט פון עטליכע מאָנאַטן זינט דער שפּאָגל-נייער "פּידיעטריקס שטאָק" פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" איז אַריין אין דינסט, וואָס ערמעגליכט שוין צו האָבן אַ שטיקל בילד איבער די רעזולטאַטן פונעם נייעם שטאָק, און ווי ס'שטעלט זיך אַרויס איז דער אָפּקלאַנג פון דער פאַרברייטערטער "פּידיעטריקס" אָפּטיילונג אויסטערליש שטאַרק ב"ה, אַזש מער ווי איינער דרוקט זיך אויס אַז דער נייער שטאָק האָט דראַמאַטיש געטוישט דעם צוגאַנג פון "פּידיעטריקס מעדיצין" אין קרית יואל!

איבער די לעצטע יאָרן, ספּעציעל זינט די געלונגענע אויפנאַמע פונעם באַרימטן פּידיעטריקס דירעקטאָר, דר. ר' אברהם פאלינזשער הי"ו, האָט זיך די פּידיעטריקס אָפּטיילונג גאָר שטאַרק צעוואַקסן אַדאַנק דעם כתר שם טוב וואָס זי האָט זיך ערוואָרבן מיט די געטרייע און פּראָפעסיאָנאַלע באַהאַנדלונג אין דער אָפּטיילונג, און די געטרייע הנהלה פון עזרת חולים האָט זיך שנעל אַרומגעזען אַז מ'מוז אונטערנעמען דראַסטישע שריט צו קענען נאָכקומען דעם וואוקס פון דער אָפּטיילונג.

ווי מיר האָבן שוין מער ווי איינמאָל ערוואָנט, איז געוועונליך די נייעס איבער אַ געזונטהייט צענטער נישט עפּעס וואָס ווערט ספּעציעל באַצייכנט אַלס 'פריילעכע נייעס', אויסער דאָ אין קרית יואל וואו די אויסברייטערונג פון געזונטהייט סערוויסעס, ספּעציעל פון אַ פּידיעטריקס צענטער וואָס באַהאַנדלט קינדער אונטער אַכצן יאָר, אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם פענאָמענאַלן וואוקס בליעה"ר פון דער הייליגער שטאָט קרית יואל, און ס'קען מיט רעכט באַצייכנט ווערן אַז די דראַמאַטישע אויסברייטערונג פון עזרת חולים אין אַלע געביטן איז אַ ריכטיגע "הרחבת גבולי הקדושה" און אַן אָנדייטער איבער דעם שיינענדן צוקונפט פאַר דער שטאָט בעז"ה.

וואָס יאָ, אויב אין די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר האָט מען כסדר געדאַרפט דערציילן די נייעס איבער דעם פּראַכטפולן פּידיעטריקס-שטאָק וואָס 'גייט' געעפנט ווערן, איז מען שוין אַצינד ב"ה אַריין אין אַ נייע פאַזע: דער שטאָק איז שוין אָפן, כלול בהדרו, פולקאָם אויסגעשטאַט מיט די פאָרגעשריטענע צוגעהערן און אויג-פאַרכאַפּנדע צימערן, קאָרידאָרן, וואַרט-זאַלן, באַזונדערער אַריינגאַנג, אא"וו. שוין עטליכע מאָנאַטן וואָס תושבי קרית יואל געניסן פון דער הערליכער אָפּטיילונג און קענען זיך נאָך אַלץ נישט גענוג אָפּוואונדערן פון די מייסטערהאַפטע אַרבעט וואָס די געטרייע הנהלה האָט אַריינגעלייגט; נישט געזשאַלעוועט קיין געלט און צייט, כח און מח, צו פאַרזיכערן אַז אַלעס ווערט צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן און שענסטן פאַרנעם.

און ווי עס ווערט איבערגעגעבן דורך די הנהלה, האָט דער ריזיגער אינוועסטמענט זיך פּילפאַכיג געלוינט און שוין אויסגעצאָלט. די געוואַלדיגע גריסן און התפעלות-אויסדרוקן וועלכע הערן נישט אויף צו פליסן, איבער דער קוואַליטעט פון געזונטהייט סערוויסעס, די געשמאַקע אַטמאָספערע, און בכלל איבער יעדן הינזיכט וואָס איז נוגע די פּידיעטריקס אָפּטיילונג, פאַרגיטיגן איבער און איבער אויף די שלאָפלאָזע נעכט און אויסטערלישע האָרעוואַניע וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן עטליכע יאָר מיט'ן ציל צו הייבן דעם ניוואָ פון דער אָפּטיילונג צום העכסטן שטאַפּל

(פאָרזעצונג אויף זייט 9)

# פיבערהאַפטיגע אַרבעט צו פאַרטאָפּלען "דענטאַל שטאָק" גייט אָן אין פולן שוואונג

ווערט האָפנטליך זיין פאַרטיג אויף תשרי תשע"ו הבעל"ט

**"דענטאַל עמערדזשענסי" סערוויסעס אינצווישן אויסגעברייטערט, נאָך שטאַרקן סוקסעס - אַקטיוו מאָנטאַג ביז פרייטאג, פון 7 ביז 9 צופרי, און זונטאַג פון 9 ביז 11, ווען מ'קען אַריינקומען אָן קיין אַפּוינטמענט פאַר עמערדזשענסיס**

אין אָנבליק פון דעם אומגעהויערן מאַנגל וואָס הערשט אין דער שטאַרק-פּאָפּולערער "דענטאַל" אָפּטיילונג פון עזרת חולים, וואָס טראָגט די מערערע צייטווייליגע לעזונגען וועלכע זענען אונטערגענומען געוואָרן אין די לעצטע יאָרן צו לעזן כאָטש טיילווייז דעם פּראָבלעם, שטייט מען נאָך אַלץ ביי אַ געהעריגן קריזיס ווען ס'איז ממש אוממעגליך נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג פאַר דענטאַל געזונטהייט סערוויסעס, אַרבעט מען אין די לעצטע חדשים אומערמידליך צו פאַרטיגן ווי אַמשנעלסטן דעם נייעם פאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק", אויפ'ן ערשטן שטאָק פון דער צענטראַלער "עזרת חולים" געביידע.

נאָך אפילו איידער דער נייער "פּידיעטריקס שטאָק" איז פאַרטיג געוואָרן און די דעפּאַרטמענט האָט זיך אַריבערגעצויגן אַהין, האָט מען שוין אָנגעהויבן מאַכן די צוגרייטונגען צו קענען זאָפאָרט זיך נעמען אַרבעטן אויף דעם האַלבן שטאָק ווי נאָר עס ווערט ליידיג, עס אַריינצובריינגען אין דער דענטאַל אָפּטיילונג, און אַזוי פאַרטאָפּלען די אָפּטיילונג צו 21 באַהאַנדלונג'ס צימערן, וואָס וועט בע"ה ערמעגליכן אַריינצונעמען נאָך געניטע דענטיסטס און קענען ערלויבן אַלע תושבי קרית יואל צו געניסן פון די אויסגעצייכנטע דענטאַל סערוויסעס אין עזרת חולים.

אַזוי אויך, פון דער מינוט וואָס מ'האָט זיך בשעטו"מ אַריינגעצויגן אינעם "פּידיעטריקס שטאָק", האָט מען זאָפאָרט זיך ווירקליך גענומען צו די שווערע אַרבעט פון גענצליך איבערבויען דעם צווייטן האַלב פונעם

(פאָרזעצונג אויף זייט 9)

# איבעראַשנד-שטאַרקער אָפּרוף צו נייעם "פּידבעק דעפּאַרטמענט" ברענגט אַרויס שטאַרקע פאַרבינדונג פון תושבי קרית יואל צו עזרת חולים העלט צענטער

ס'איז שוין היינט ווייט נישט קיין נייעס ביי תושבי קרית יואל איבער די אומגעהויערע אַרבעט וואָס ווערט אַריינגעלייגט דורך די געטרייע הנהלה פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" זיך נישט צו באַגנוגנען מיט וואָס איז דאָ, נאָר גיין כסדר העכער און העכער אין הייבן דעם ניוואָ פון געזונטהייט סערוויסעס אין די הייליגע שטאָט קרית יואל.

ס'איז באמת אַ פּשוט'ע און פאַרשטענדליכע זאַך ווען ס'איז די רעדע פון אַ "העלט צענטער", און דערצו אַ העלט צענטער אין "קרית יואל", וואָס טראָגט מיט זיך אַן ערנסטער שליחות און אחריות צו קענען פאַרזיכערן בס"ד דעם אָנגייענדן בריאות השלימות, בגוף ונפש, פון צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער כ"י, אַז מען מוז טון אַלעס אין דער וועלט צו פאַרזיכערן אַז די שטאָט קרית יואל און אירע צענדליגער טויזנטער נפשות בלעה"ר כ"י זאָלן קענען אָנגיין מיט'ן עבודת הבורא ווי געהעריג און ערציען די ווייטערדיגע דורות בדרך ישראל סבא אָן קיין זאָרג.

מ'קען זיך דעריבער גרינג פאָרשטעלן דעם גוטן געפיל פון די געטרייע הנהלה פון עזרת חולים, ווען באַלד אין די ערשטע

(פאָרזעצונג אויף זייט 11)

# הנהלת עזרת חולים קוקט אַרויס אויף שטאַרקע באַטייליגונג אין "פּידבעק גרופּעס", וואָס וועט זיין געוואַלדיגער הילף אין הייבן ניוואָ פון געזונטהייט סערוויסעס פאר די גאַנצע שטאָט

ספּעציעלע אַפּליקאַציעס אַרויסגעשיקט פאר די גאַנצע שטאָט – באַזונדערע גרופּעס ווערן פאָרמירט פאר מענער און פרויען – אויסטערלישע געלעגנהייט צו קענען העלפן זיך, די קינדער, און די גאַנצע שטאָט

נאָך דעם אויסטערליש שטאַרקן, אָפּרוף צו די נייע "פּידבעק דעפּאַרטמענט", וואו עס הערן נישט אויף צו שטראָמען כסדר די פּידבעק פונעם ציבור די פילצאָליגע סערוויסעס וואָס עזרת חולים שטעלט צו פאַר די טויזנטער תושבי קרית יואל, האָט די געטרייע הנהלה באַשלאָסן אַז ס'איז צייט צו גיין אַ שטאַפּל ווייטער פון אויסשטרעקן אַ האַנט צום ברייטן ציבור צו הערן אַלע מעגליכע פּידבעק.

פאר דעם צוועק האָט עזרת חולים באַשלאָסן צו איינפירן אַ געוואַלדיגן דורכברוך אויפ'ן געביט פון ציבור'ישן פּידבעק, דורך אויפשטעלן ספּעציעלע "פּידבעק גרופּעס" פאר תושבי קרית יואל מ'ווועט זיך דאָרט קענען דורכשמועסן פּערזענליך מיט די הנהלה און איינגעשטעלטע פונעם עזרת חולים, און איבערגעבן סיי וועלכע באַמערקונגען, בייפאַלן, קאָמפּלימענטן, קאמפּלעינטס, אָדער סיי וואָס אין אַנבאַלאַנגט צום העלט צענטער.

די דאָזיגע "פּידבעק גרופּעס" וועלן זיך צוזאַמקומען דורכאויס דעם קומענדיגן זומער - יעדע גרופּ צו זיין באַשטימטע צייט - אינעם פּראַכטפולן זאַל פון "אשת חיל", וואו עס וועט צוגעשטעלט ווערן אַ געשמאַקער און רייכער פאַרברענג, און גלייכצייטיג וועט מען דאָרט האָבן די געלעגנהייט צו קענען פּערזענליך איבערגעבן די פּידבעק אין אלערליי געביטן וואָס איז נוגע פאַר'ן עזרת חולים איבער די געזונטהייט סערוויסעס. די חשוב'ע מיטגלידער פון די "פּידבעק גרופּעס" וועלן נישט בלויז

(פאָרזעצונג אויף זייט 11)


EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER
49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • Tel. 845.782.3242 • Fax: 845.783.7133
Chairman
Abraham Wieder
Board of Directors
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein
Executive Director
Joel Mittelman
עמערדזשענסי
דענטאל
באהאנדלונג
אָן קיין אפוינטמענט
זונטאג: פון 9:00 ביז 11:00 פארמיטאג
מאנטאג ביז פרייטאג: פון 7:00 ביז 9:00 צופרי
עס איז צוגעשטעלט א
געניטער דענטיסט וואס
שטייט ספעציעל גרייט
אין די דערמאנטע
שעות, צו באהאנדלן
סיי וועלכע דענטאל
עמוירדזשענסי.
מיט שעצונג
הנהלת עזרת חולים




# עזרת חולים
## אפטיילונג

# געוואַלדיגע הצלחה פון נייעם פּראַכטפולן "פּידיעטריקס שטאָק" אין "עזרת חולים העלט צענטער" שטייגט איבער אַלע ערוואַרטונגען

(פאָרזעצונג פון זייט 7)

וואָס מעגליך.

באַזונדער ווערט אויפגענומען מיט שטאַרקער צופרידנהייט די גאָר פּאָזיטיווע "פידבעק" וואָס קומען צוריק איבער דעם פּראָפעסיאָנאַליזם און באַהאַנדלונג פון די נייע דאָקטוירים וואָס עזרת חולים האָט אַריינגעברענגט במשך דעם לעצטן יאָר צו קענען נאָכקומען דעם שטייגנדן פאַרלאַנג פאַר געזונטהייט סערוויסעס אין דער אָפּטיילונג.

די נייע דאָקטוירים שטייען ווי פאַרשטענדליך אונטער'ן אויפזיכט פונעם איבערגעגעבענעם פּידיעטריקס דירעקטאָר, דר. פּאלינזשער הי"ו, אָבער מיט יעדן פאַרבייגייענדן טאָג שטעלט זיך אַלס מער אַרויס וואָספאַראַ געלונגענע אויסוואַלן די דאָקטוירים זענען, בסייעתא דשמיא, אין ערמעגליכן צו קענען באַהאַנדלען תושבי קרית יואל מיט די בעסטע געזונטהייט סערוויסעס וואָס נאָר מעגליך.

אַדאַנק דעם נייעם פּידיעטריקס שטאָק מיט אירע זיבעצן באַהאַנדלונג'ס צימערן, קען מען דעזיגנירן גענוג פּלאַץ פאַר יעדן דאָקטאָר צו קענען סערווירן זייערע פּאַציענטן, און נאַטורליך העלפט דאָס אויך גאָר שטאַרק אין קענען דורכפירן די באַזוכן שנעל-און-צייטליך, אָן קיין דרוק אַז מ'דאַרף שוין ליידיג מאַכן דעם צימער, און גלייכצייטיג קען מען אויך אויפנעמען מערערע פּאַציענטן אין אַ קורצער צייט, אַזוי אַז די ערפאַרונג פון 'גיין צום דאָקטאָר' איז היינט גאָר אַנדערש פון וואָס ס'איז געווען בלויז אַ קורצע צייט צוריק, וואָס רופט זיך אָפּ אויף די שטאַרק פּאָזיטיווע פידבעק, ב"ה.

אַזוי אויך מעלדט די הנהלה פון עזרת חולים אַז צוליב דעם שטאַרקן וואוקס אין דער פּידיעטריקס אָפּטיילונג, פעלט זיך קריטיש וויכטיג אויס אַריינצוברענגען נאָך אַ געניטן 4'טן פול טיים דאָקטאָר צו באַהאַנדלען דעם איבערפלוס פון פּאַציענטן, ווען טראָץ די פרישע מאַסיווע אויסברייטערונג איז נאָך אַלץ פאַרהאַן צייטן וואָס די פּידיעטריקס אָפּטיילונג איז צו שטאַרק איבערגעשטרענגט. אַזוי אויך פעלט זיך עס דרינגענד אויס ספּעציעל אין די צייטן ווען נישט אַלע דאָקטוירים זענען אינעם צענטער, ווי פרייטאָג און זונטאָג, אין די פרימאָרגן שעה'ן, אא"וו.

כי עתה הרחיב ה' לנו.

# פיבערהאַפטיגע אַרבעט צו פאַרטאָפּלען "דענטאַל שטאָק" גייט אָן אין פולן שוואונג

(פאָרזעצונג פון זייט 7)

ערשטן שטאָק, וואָס איז נאָרוואָס אויסגעליידיגט געוואָרן פון דער פּידיעטריקס אָפּטיילונג, אַז עס זאָל זיין פולקאָם צוגעפּאַסט פאַר'ן נייעם פאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק".

מ'פאַרשטייט אַליין אַז די געברויכן פאַר אַ "דענטאַל צימער" זענען דראַסטיש אַנדערש ווי דער אויסשטעל און פאַרלאַנג פון אַ פּידיעטריקס צימער. פון איין זייט קען מען אַ דענטאַל צימער מאַכן אַסאַך קלענער ווי אַ פּידיעטריקס צימער, אָבער פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען בויערן לעכער אין דער ערד און אַריינציען די נויטיגע אינפראָסטרוקטור, ווי רערן צו ברענגען וואַסער צום באהאנדלונג און אַרויספירן דאָס שמוץ אד"ג, און נאָך אַ רייע איינריכטונגען וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן אין צוגרייטונג צו קענען באַהאַנדלען "דענטאַל" פּאַציענטן אין די נייע צימערן.

איבער אַלעם דאַרף מען אויף יעדן ריר קריגן די באַשטעטיגונג פון די סטעיט "דעפּאַרטמענט אָוו העלט", וואָס אָן זייער ערלויבעניש קען מען נישט נוצן די צימערן צו באַהאַנדלען פּאַציענטן, און דאָס נעמט געווענליך א שטיק צייט ביז ווען מ'באַקומט פון זיי די נויטיגע ערלויבענישן.

צוליב די אַלע פאַקטאָרן און די לאָגיסטישע נויטווענדיגקייט ווערט געשאַצט אַז די אַרבעט וועט ווערן פולקאָם פאַרטיג במשך דעם קומענדיגן זומער תשע"ה, אַזוי אַז אַרום די ימים טובים צייט פון קומענדיגן יאָר תשע"ו הבעל"ט האפט מען בעזהשי"ת צו באַנייען דעם לאַנג-ערוואַרטעטן פאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק", לשמחת לבם פון אַלע טויזנטער תושבי קרית יואל.

*

אין באַזונדערע נייעס אינערהאַלב דער "דענטאַל" אָפּטיילונג, האָט דער "דענטאַל עמערדזשענסיס" פּראָגראַם זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ קאָלאָסאַלער סוקסעס, מיט אומצאָליגע פּאַציענטן וועלכע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די קורצע צייט זינט עס איז איינגעשטעלט געוואָרן.

ווי שוין געמאָלדן, האָט עזרת חולים במשך דעם פאַרלאָפענעם זומער אונטערגענומען אן עקספּערימענטאַלן "דענטאַל עמערדזשענסיס" פּראָגראַם, אונטער וועלכן איין געניטער דענטיסט איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פאַר די פרימאָרגן שעות, פון 7 ביז 9 צופרי, ווען מ'קען אַריינקומען אינעם צענטער פאַר סיי וועלכע דענטאַל עמערדזשענסי און מ'דאַרף נישט באַשטעלן קיין אַפּוינטמענט פון פאָראויס.

דער פּראָגראַם האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ געלונגענער איינפאַל, וואָס האָט סיי ערמעגליכט צו באַהאַנדלען פילע פּאַציענטן וועלכע האָבן וויכטיג געדאַרפט האָבן דעם סערוויס, און אויך האָט עס עטוואָס רעדוצירט דעם שטאַרקן דרוק אויף דער גאַנצער "דענטאַל" אָפּטיילונג פון זיין פאַרנומען דורכאויס דעם גאַנצן טאָג מיט עמערדזשענסיס, וועלכע פלעגן אינגאַנצן פאַרדרייען דעם סדר פון די געווענליכע באַהאַנדלונגען.

נאָך אָנהייב זומער איז דער 'עקספּערימענטאַלער' פּראָגראַם געוואָרן פערמאַנענט איינגעשטעלט, און היינט-צו-טאָגס גייט דער "דענטאַל עמערדזשענסיס" פּראָגראַם אָן 6 טאָג אַ וואָך, אין די שטונדן פון 7 ביז 9 צופרי.

צוליב דעם שטאַרקן סוקסעס דערפון ווערט יעצט באַטראַכט פאַרשידענע פּלענער וויאַזוי נאָכמער צו פאַרברייטערן די סערוויסעס פאַר עמערדזשענסיס, וואו מ'זאל קענען באַקומען גרינגערע אַפּוינטמענטס, און אַזוי נאָכמער פאַרגרינגערן די אַרבעט פאַר'ן איבריגן שטאַב פון דער אָפּטיילונג.

פאָלגט נאָך ווייטערדיגע מעלדונגען.



אינמיטן די העפטיגע אַרבעט צו פאַרטיגן דעם ריזיגן פאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק" ווי אַמשנעלסטן בע"ה



15 פון די נייע גאָר טייערע ספּעציעלע "דענטאַל בענקלעך" זענען שוין דעליווערט געוואָרן קיין קרית יואל, (אַ גרויסער טייל פון זיי ווערן דערווייל געסטאָרעדזשט אין בעיסמענט פון "אשת חיל"), כדי מ'זאָל נישט דאַרפן שפּעטער וואַרטן דערויף, און ווי נאָר דער פאַרטאָפּלטער "דענטאַל שטאָק" ווערט פאַרטיג, זאָל מען באַלד האָבן די בענקלעך גרייט צו אינסטאַלירן

# פלענער פאַר גיגאַנטישע סוער-פאַרברייטונגען

(פאַרזעצונג פון זייט 3)

סיסטעם אין אָראַנזש קאַונטי, ספּעציעל אַז קרית יואל איז טייל פונעם "אָראַנזש קאַונטי סוער דיסטריקט 1" און געניסט אויך פון די קאַונטי סוער סערוויסעס. פיל איז שוין באַריכטעט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט איבער די פאַרבינדונגען צווישן קרית יואל אין די קאַונטי רעגירונג איבער סוער אַנגעלעגנהייטן. גאָר באַזונדער האָט קרית יואל זעלבסט געבויט דעם מאַסיוון סוער פלענט אויף בעיקערטאַון ראָוד מיט אַרום זעכצן יאָר צוריק, וואָס דאָס האָט בשעתו אַראָפּגענומען דעם "דירות מאָראַטאָריום" און ערמעגליכט צו בויען טויזנטער נייע דירות פון וועלכע מיר טוען ב"ה גענישן ביז צום היינטיגען טאָג.

אַנדערש ווי אין גרויסע שטעט, ווי ניו יאָרק סיטי אד"ג, זענען אין אָפּסטעיט נישט איבעראָל פאַרהאָן קיין אָפּיציעלע מוניציפּאַליטעט סוער-און-וואַסער איינריכטונגען. נישט יעדער וואָס קויפט אַ באָדן אָדער אַ הויז אין אָפּסטעיט איז אויטאָמאַטיש פאַרזיכערט אַז די לאָקאַלע רעגירונג וועט אים צושטעלן די לעבנסוויכטיגע וואַסער-און-סוער סופּליי. דאָ אין קרית יואל ווייסט יעדער אַז דער ווילעדזש שטעלט צו וואַסער דורך די "קרית יואל וואַסער דעפּאַרטמענט" און יעדער וואָס וואוינט אין די גרעניצן פון דער שטאָט איז אויטאָמאַטיש באַרעכטיגט און פאַרזיכערט צו האָבן אַן אומאויפהערליכער פלוס פון וואַסער בעזהשי"ת.

ביי סוער אַנגעלעגנהייטן ווידער איז עטוואָס אַנדערש. די קאַונטי רעגירונג, כאָטש זי טוט נישט צושטעלן קיין סוער סערוויסעס איבער די גאַנצע קאַונטי און דאס גרעסטע מערהייט פון די קאַונטי איינוואוינער דאַרפן זיך אַליינס ספּראַווען מיט מוניציפּאלע, פּריוואַטע, אָדער געמיינזאַמע, סעפּטיק סיסטעמען, איז אָבער פאַרהאָן אַן "אויסנאַם-זאָנע", באַקאַנט אַלס "אָראַנזש קאַונטי סוער דיסטריקט 1", וואו דאָרט טוט די 'קאַונטי' צושטעלן סוער סערוויסעס דורך איר מאַכטפולן סוער פלענט אין הערימאַן, בשכינות פון קרית יואל, און אַלע איינוואוינער וואָס וואוינען אין דעם דיסטריקט זענען אויטאָמאַטיש באַרעכטיגט צו גענוסן פונעם קאַונטי סוער. פאַרשטייט זיך אַז די קאַונטי פאַרלאַנגט אַן אָפּצאָל פּער דירה, אָבער פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט איז דאָס גאָר אַ שטאַרקע באַקוועמליכקייט פאַר אַ געגענט און אַ פאַרזיכערונג ווען אַזאַ מאַכטפולע רעגירונג שטייט אונטער אַזאַ וויכטיגן געבוריך און זענען פאַרפליכטעט צוצושטעלן אַ שטאַנדהאַפטיגן סערוויס.

קרית יואל, מיט איר זעלטענער סייעתא דשמיא בכחו ובזכותו של אותו זקן, האָט אויך אין דעם הינזיכט געזען אַ געוואַלדיגע ברכה, ווען דער אויבירשטער האָט ממש עטליכע יאָר איידער קרית יואל איז געגרינדעט געוואָרן אָנגעגרייט דעם באָדן פאַר חסידי'ישע קינדער-געבענטשטע פאַמיליעס, נאָכדעם וואָס אין יאָר תש"ל איז געשאַפן געוואָרן דער דערמאַנטער "קאַונטי סוער דיסטריקט" וואָס האָט אַריינגענומען אויך די שטח אויף וועלכן דער שטעטל איז אויפגעשטעלט געוואָרן, און אין יאר 1977 למס' איז אריין אין באנוץ דער "הערימאן סוער פלענט", און דורך דעם האָט קרית יואל באַלד עטליכע יאר נאכן גרינדונג שוין גענאָסן פון לאַנגטערמיניגע סוער איינריכטונגען און די קאַונטי רעגירונגס סערוויס אויף אַלעס וואָס אַנבאַלאַנגט סוער.

דורכאויס די ערשטע יאָרן פון קרית יואל איז דער הערימען סוער פלענט צוביסליך איבערגעפילט געוואָרן און עס איז געקומען צו אַ פּונקט וואָס די סטעיט האָט אַרויפגעלייגט אַ מאַראַטאָריום אַז מער קענען קיין פרישע דירות נישט געבויט ווערן אינעם "סוער דיסטריקט 1" זאָנע, ווילאַנג די סוער מעגליכקייטן ווערן אויסגעברייטערט, וואָס דאָס האָט גאָר נעגאַטיוו אויסגעקלאַפּט אויפ'ן קרית יואל'ער וואוקס און נאָכאַנאַנדן דירות-געבוריך, ברענגענדיג צו א פופצן יאריגן מאראטאריום, און ווילאַנג די קאַונטי האָט געצעגערט צו פאַרברייטערן דעם הערימען סוער פלענט, האָט די הנהלת הקריה מחליט געווען אַליינס צו פּרובירן צו טאָן למעשה, און דעמאָלס איז מען אויפגעקומען מיט'ן פּלאַן אויפצובויען דעם מאַכטפולן "קרית יואל סוער פלענט" אויף בעיקערטאַון ראָוד וואָס האָט בס"ד ערמעגליכט אַז די שטאָט זאָל ווייטער קענען וואַקסן און בליען, און געלויבט דער פון אויבן, אַדאַנק די געטרייע הנהלת הקריה וואָס האָבן דעמאָלס נישט געשפּאָרט קיין כוחות אַהערצושטעלן דעם סוער פלענט, האָבן פרישע טויזנטער דירות געקענט געבויט געוואָרן אויף די באָדנס פון קרית יואל.

היות אָבער אַז קרית יואל איז דאָך אינעם קאַונטי סוער דיסטריקט, איז דער "קרית יואל סוער פלענט" איבערגעגעבן געוואָרן פאַר די קאַונטי צו פאַרפיגן איבער איר, און דאָס איז געוואָרן אַ טייל פון די קאַונטי'ס סוער-נעץ אינאיינעם מיט'ן הערימען סוער פלענט, וועלכע שטעלן צו סוער סערוויסעס פאַר'ן גאַנצן סוער דיסטריקט.

אויסער דעם סוער דיסטריקט וועם די קאַונטי איז פאַרפליכטעט צו סערווירן מיט סוער געברויכן, זענען פאַרהאַן עטליכע ריזיגע שטחים און געגענטן וועלכע געניסן אויך פון די קאַונטי סוער, אונטער אַ פּריוואַטע קאָנטראַקט מיט די קאַונטי. די שטחים זענען באַקאַנט אַלס די "מודנע פּראַפּערטיס" וועלכע געפונען זיך אויסגעשפּרייט איבער די געגנטן פון: וואודבורי, מאָנראָ, בלומינג-גראוו, טשעסטער און נאָך, וואָס זיי געניסן פון די קאַונטי סוער סערוויסעס אונטער אַ דרויסנדיגן אָפּמאַך מיט די קאַונטי.

מיט עטליכע יאָר צוריק אין יארע 10' האָט די לעגיסלאַטור איינשטימיג באַשטעטיגט אויסצוברייטערן די "סוער דיסטריקט 1" גרעניצן מיטן אריינמען אַ ריזיגען שטח אין טשעסטער באַקאַנט אַלס "קעמפּ לא גוואַרדיע" וואָס באַלאַנגט צו די קאַונטי רעגירונג, דער ציל דערפון איז געווען אַז מיט דעם וואָס דער שטח וועט האָבן אַ סוער פאַרפליכטונג פון די קאַונטי וועט די ווערט דערפון שטייגן און די קאַונטי וועט דאָס קענען פאַרקויפן פאר אַ טייערן פרייז אויף צו אנטווילקען אין אַ עקענאָמישער און רעזידענציאלער געגנט.

אין די זעלבע צייט איז קרית יואל געווען אין די שפּעטערע פאַזעס פון פלאַנירן דעם היסטארישן "קרית יואל פּייפּליין" צו ברענגען וואַסער פונעם ניו יאָרק סיטי עקוועדאקט אין ניו ווינדסאַר, וואָס אין אַ קייט פון גערירכטליכע פּראָבעס צו שטערן דעם אַנעקסעישאָן, האָבן די אַנטי-קרית יואל עלעמענטן פאַרפירט אַז דאָס וועט איבערשטרענגען די קאַונטי סוער שטאַפּלען דורכ'ן צוברענגען טויזנטער גאַלאָנען טעגליך, און דערפאַר טאָר אַזאַ פּראָיעקט נישט באַשטעטיגט ווערן. קרית יואל ווידער האָט אויפגעברענגט אַז די קאַונטי איז פאַרפליכטעט צוצושטעלן סוער אין דעם דיסטריקט, און אויב איז דער סוער אַפּאַראַט נישט גענוג שטאַרק דערפאַר, דאַרף זי בויען א פרישע סוער פלענט, און אוודאי האָט די קאַונטי נישט געקענט באַשטעטיגן אויסצוברייטערן די סוער דיסטריקט גרעניצן ווען זי קען נאָכנישט צושטעלן סוער סערוויס פאר די ביז יעצטיגע גרעניצן.

דאָס האָט דעמאָלס געפירט צו אַן היסטאָרישער אָפּמאַך צווישן די קאַונטי רעגירונג און קרית יואל אין וועלכע די קאַונטי האָט זיך פאַרפליכטעט אונטערצונעמען דעם "סוער פאַרברייטערונג פּראָיעקט" ווי נאָר דער סוער וועט גרייכן צו אַ געוויסער פּראָצענט איבערגעפילטקייט, דער אָפּמאַך האָט בחסדי השי"ת געפירט צום ענדגילטיגער באַשטעטיגונג אַז קרית יואל זאָל קענען אָנהייבן די אַרבייט אויפ'ן פּייפּליין און אַז דער קאַונטי זאָל קענען אָנהאַלטן זייער קאָנטראַקט מיט די

(פאַרזעצונג אויף זייט 11)

County of Orange
Office of County Executive Steven M. Neuhaus
**NEWS RELEASE**

For Immediate Release
January 13, 2015

Contact: Dain Pascocello
845.291.2700, 845.545.5225 c

## Orange County Begins Sewer Enhancement to Benefit Economic Development

*Delaware Engineering, D.P.C. will undertake study to expand treatment capacity from six to nine million gallons per day*

**Goshen, NY** – County Executive Steve Neuhaus today announced that plans are underway to enhance treatment capacity within Orange County in order to benefit economic development projects such as the much-delayed Camp La Guardia site. Consultant Delaware Engineering, D.P.C. has been selected to prepare a facility plan to study enlarging treatment capacity from six to nine million gallons per day. The full results of that plan will serve as an economic development blueprint for potentially developable sites around the county. Under an agreement signed by former County Executive Edward Diana, Mountco, the county legislature's chosen developer of Camp La Guardia, does not have to obtain approvals for their project – which largely consists of housing – until two years after the county provides a written guarantee of sewer reasonably acceptable to the developer.

The county legislature passed a resolution in May 2010 to expand the boundaries of Sewer District 1 to the Camp La Guardia property; in 2012 they appropriated $925,000 to fund preparation of a wastewater facility plan. The additional capacity is expected to benefit residential, commercial, and industrial growth. Sewer District 1 serves the following localities: Village of Harriman, Town of Harriman, Village of Monroe, Town of Monroe, Village of Kiryas Joel, Village of Chester, Town of Chester, Village of Woodbury, Town of Woodbury, Town of Blooming Grove, and Village of South Blooming Grove. Hurricane Irene and Tropical Storm Lee both strained resources at the Harriman facility, pushing the treatment plant to 95 percent of capacity at one point.

Orange County must ensure adequate sewer service exists for Sewer District 1 while also considering capacity for economic development projects like Camp La Guardia, which lies outside the current district's boundaries. A court ruled that the previously approved expansion of the sewer district boundary by the county legislature in 2010 was improper as it was tied directly to the planning review being conducted in the towns of Blooming Grove and Chester for the Mountco project at Camp La Guardia. The court held that under state law, the county could not issue a "negative declaration" of environmental impact -- which it had done when attempting to expand the boundary of Sewer District 1 -- when a related project was already subject to a more substantive environmental review, known as a "Type 1" review. According to the terms of the contract announced with Delaware Engineering, the firm will take a comprehensive approach to increasing sewer where needed, including priority growth areas. Examples include not only Camp La Guardia but also the Route 17M corridor and the Newburgh-New Windsor area. Additional information on Orange County Sewer District 1 can be found here.

**אָראַנדזש קאַונטי הייבט אָן מיט אַרבעט צו פאַרברייטערן דעם סוער פלענט אין הערימאַן, וואָס וועט צווישן אַנדערן אויך זיין געוואַלדיגער הילף פאַר קרית יואל בע"ה**




**אַ פּונקטליכע מאַפּע פונעם "סוער דיסטריקט 1" אין אָראַנדזש קאַונטי, וואָס נעמט אַריין גאַנץ קרית יואל, טיילן פון טאַון אָוו מאָנראָ, ווילעדזש אוו מאנרא און הערימאַן. דערונטער אויך אַ היפּשער חלק פון די 507 אַקער וואָס גייט בע"ה ווערן אַנעקסירט צו קרית יואל**

# הנהלת עזרת חולים קוקט אַרויס אויף שטאַרקע באַטייליגונג אין "פידבעק גרופּעס", וואָס וועט זיין געוואַלדיגער הילף אין הייבן ניוואָ פון געזונטהייט סערוויסעס פאַר די גאַנצע שטאָט

ספּעציעלע אַפּליקאַציעס אַרויסגעשיקט פאר די גאַנצע שטאָט – באַזונדערע גרופּעס ווערן פאָרמירט פאר מענער און פרויען – אויסטערלישע געלעגנהייט צו קענען העלפן זיך, די קינדער, און די גאַנצע שטאָט

(פארזעצונג פון זייט 7)

באַקומען צוגעשטעלט אַ געשמאַקן אָוונט, נאָר וועלן אויך האָבן דעם גוטן געפיל וויסנדיג אַז זייער פידבעק ווערט גענומען גאָר ערנסט אין באַטראַכט, און וועט שפּילן אַ הויפּט ראָלע אין דעצידירן דעם צוקונפט פון געזונטהייט אין קרית יואל!

פּאָריגע וואָך זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן די "פידבעק גרופּעס" אַפּליקאַציעס פאר אַלע תושבי קרית יואל, און דער דעדליין צוריקצושיקן די אַפּליקאַציעס איז ביז דעם דאָנערשטאָג פּר' תצוה, Feb. 26 למספרם.

ווי די הנהלה פון עזרת חולים גיבט איבער, קוקן זיי אַרויס אויף אַ שטאַרקן אָפּרוף צו די אַפּליקאַציעס, און לויט'ן פּלאַן וועלן געגרינדעט ווערן מערערע גרופּעס, סיי ביי די מענער און סיי ביי די פרויען, כדי צו האָבן די מעגליכקייט צו הערן וואָס מער פידבעק פון אַזויפיל איינוואוינער ווי נאָר מעגליך.

כולם נקבצו ובאו.







# איבערראַשנד-שטאַרקער אָפּרוף צו נייעם "פידבעק דעפּאַרטמענט" ברענגט אַרויס שטאַרקע פאַרבינדונג פון תושבי קרית יואל צו עזרת חולים העלט צענטער

(פארזעצונג פון זייט 7)

מאָנאַטן פון עפענען דעם שפּאָגל-נייעם "פידבעק דעפּאַרטמענט" האָט מען זיך געטראָפן מיט דעם איבערראַשנדן, און דערפרייענדן, מציאות אַז די "פידבעק" פון עזרת חולים געניסער הערט נישט אויף צו שטראָמען, סיי קאָמפּלימענטן און סיי קריטיק, ווי אויך אַלגעמיינע קאָמענטאַרן.

מצד די הנהלה פון עזרת חולים איז אָנגעוויזן געוואָרן די אינטערעסאַנטע נקודה, אַז זייער אָפּט וועלן מענטשן זיך נישט נעמען די מי, און/אָדער דעם קוראַזש, זיך צו פאַרבינדן דירעקט מיט די פירערשאַפט פון אַן אָרגאַניזאַציע אד"ג איבערצוגעבן זייער פידבעק, סיי אויב ס'איז פּאָזיטיוו און נאָכמער אויב ס'איז נעגאַטיוו, און אַנשטאָט וועט מען עס האַלטן ביי זיך אָדער אויסרעדן פאַר באַקאַנטע. אָבער די מינוט וואָס ס'איז געקומען דער אָפענער פאַרלאַנג, געבעט, דורך די הנהלה זעלבסט אַז זיי ווילן און שטייען גרייט צו הערן, האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט דער קוואַל און ס'האָט זיך גענומען גיסן אינפאָרמאַציע, פון אַלע סאָרטן, צו דער שטאַרקער צופרידנהייט פונעם עזרת חולים.

ס'איז זעלבסטפארשטענדליך אַז יעדעס איינציגע שטיקל פידבעק ווערט אויפגענומען מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און אחריות, און אין די קורצע צייט זינט דער דעפּאַרטמענט איז געעפנט געוואָרן זענען שוין פאַקטיש דורכגעפירט געוואָרן פאַרשידנאַרטיגע שינויים, באַזירט לויט די פידבעק וואָס מ'האָט ערהאַלטן.

אַזוי אויך, ווער ס'איז אינטערעסירט אַז מ'זאָל זיך פאַרבינדן מיט אים, פאַרשטייט זיך אויב עס ווערט איבערגעלאָזט אַ נאָמען מיט אַזאַ פאַרלאַנג, וועט אַן איינגעשטעלטער פון עזרת חולים זיך פאַרבינדן אויסצופרעגן נאָך פרטים אויב נויטיג, אד"ג.

ואת הברכה - אשר תשמעון.

# פלענער פאַר גיגאַנטישע סוער-פאַרברייטונגען

(פארזעצונג פון זייט 10)

"מודנע פּראָפּערטיס" און אויסברייטערן די סוער גרעניצן אַריינצונעמען קעמפּ לא-גוואַרדיע. די אַנטי-קרית יואל העצערס ווי סקאופיס פון וואודבארי און נאָך, האָבן עטליכע מאָל פּרובירט צו באַקעמפן דעם אָפּמאַך אין די געריכטן, ביז צום העכסטן קארט אוו אפיעלס אין אלבאני, און איינמאָל נאָכן אַנדערן זענען זיי דורכגעפאַלן און דער אָפּמאַך איז געבליבן אין פלאַץ.

יעצט איז געקומען די פרייליכע מעלדונג פונעם קאַונטי עקזעקיוטיוו אַז די קאַונטי נעמט שוין אַקטיווע שריט אָנצוהייבן פּלאַנירן די סוער פארברייטערונגען, אינעם סטעיטמענט האָט מר. ניוהאוז געמאָלדן אַז די דעמאנטער "דעלעווער אינזשענירונג פירמע" וועט שטודירן עטליכע אָפּציעס, צו דער סוער זאל פאַרברייטערט ווערן אינעם אָריגינעלן "הערימען סוער פלענט" לאָקאַציע, אָדער זאל ענדערש געבויעט ווערן אַ שפּאָגל נייער סוער פלענט אין ניו ווינדסאַר, וואָס זאָל ווערן צאַמגעשטעלט מיטן הערימען פלענט, און אינאיינעם וועט דאָס ערמעגליכען צאָללאָזע נייע שטחים צו ווערן געדעקט מיט קאַונטי סוער וואָס וועט פירן צו מאַסיווע עקענאָמישע און רעזידענציאלע אנטוויקלונגס געלעגנהייטן לענגאויס די קאַונטי.

די אינזשענירונג פירמע וועט ביז אַ יאָר אַרויסקומען מיט די רעזולטאַטן פון זייער שטודיע, מיט עטליכע אָפּציעס און רעקאָמענדאַציעס אויף וועלכע די לעגיסלאַטור וועט שטימען, און דערנאָך וועט די קאַונטי גיין צו די ווייטערדיגע פאַזעס פון אַרויסגעבן די אַרבייט פאר אַ "ביד" און אויפנעמען אַ קאָנטראַקטאָר אויסצופירן די אַרבייט צו פאַרברייטערן די קאונטי סוער מעגליכקייטן פון די יעצטיגע זעקס מיליאָן גאַלאָן צו ניין מיליאָן גאַלאָן.

פאר קרית יואל איז דאָס גאָר גינסטיגע נייעס, זייענדיג שטאַרק אָנגעוויזן אין אַ נאָכאַנאַנדע סופּליי פון וואַסער און סוער, ווען די צאָל איינוואוינער שטייגט יערליך בליעה"ר אין ריזיגע ציפערן, און עס איז טאַקע צום האָפן אַז די אַרבייט זאל טאַקע אָנגיין און פאַרענדיגט ווערן אומגעשטערט, אַרויסצוהעלפן די צוקונפטיגע געברויכן צו קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה בסיעתא דשמיא.

# בשעטומ"צ אנגעהויבן פאקטישע בוי ארבעט איבער געפלאנטן דריי שטאקיגן פליגל צום ביהמ"ד ברך משה דקהלתינו הק'

(פארזעצונג פון זייט 3)

דעם ביהמ"ד, איז דער ערשטער באהאנדלונג געווען איבער אריבערציען דעם "האוזינג מענעזשמענט אפיסעס" וואס איז ביז היינט סטאנציאנירט געווען אין דערנעבנדיגע פליגל צום ביהמ"ד, צו א צווייטן פילפאכיג פארברייטערטן לאקאל, כדי צו געבן דער מעגליכקייט צו ערזעצן דאס ארט אלס פליגל צום ביהמ"ד.

פאר עטליכע חדשים צוריק איז ב"ה דער טייל סוקסעס פאראיבער, ווען עס איז אויפגעבויט געווארן פאר דעם צוועק דורך דער הנהלת הקרי', א שפאגל נייעם צוויי שטאקיגן בנין, אביסל ארויפציהיר אין ד.א. ווידער גאס, פאר די וואוילטעטיגע אפיסיס פון די "האוזינג מענעזשמענט דערפארטמענט". די פאקטישע אריבערציען זיך האט זיך פארענדיגט בשעטומ"צ ארום חנוכה צייט.

אין דער זעלבער צייט איז אנגעגאנגען העפטיגע אקטיוויטעטן אוועקצוציען אלע איינריכטונגען וואס זענען סטאנציאנירט געווען אינעם ארט וואו עס ווערט געפלאנט דעם נייעם פראיעקט.

דארט איז געווען ביז היינט איינגעריכטעט ווי פאלגנד: די גאנצע "עלעקטריק און הייצונג סיסטעמען" און "בוילער רומס" אלע יוטיליטי געברויכן פון דעם בנין, די "צענטראלע עיר קאנדישנס". אין א באזונדערן ארט איז געווען עטליכע צימערן, און די ביה"כ. וואס דאס אלעס האט געדינט ביז היינט פאר'ן גרויסן היכל הבית המדרש.

אצינד מיט דעם נייעם מאסיוון פראיעקט האט מען צוערשט דאס געדארפט צייטווייליג אוועקפירן צו אנדערע ערטער, ביז מען וועט זיי פונדאסניי קענען אויסשטאטן אינעם נייעם געפלאנטן פליגל, פאר דעם צוועק איז אין די לעצטע פאר וואכן אריינגעלייגט געווארן אומערמידליכע כוחות, און אומשפארזאמע קראפט פון געניטע פאכלייט און פירמעס וואס האבן זיך ספעציפיש אפגעגעבן בלויז מיט'ן אוועקפירן די אויבנדערמאנט פונקציעס פונעם בנין אין א צייטווייליגן ארט. באזונדער איז צוגעשטעלט געווארן פראוויזארישע ביה"כ און אנדערע צוגעהערן וואס האט אויסגעפעלט אין דער צייט ביז'ן ענדיגן בויען.

אין די לעצטע וואכן איז דאס ב"ה גאר מוצלח'דיג פאראיבער, און איינמאל די באדנס זענען געווארן ליידיג פון איר אלטן אינהאלט איז מען ב"ה אריינגעגאנגען אין די יעצטיגע טעג, אינעם ערנסטן טייל פונעם בוי ארבעט, נעמליך אראפצואווארפן דעם אלטן צוגאבע צום בנין, א זאך וואס די מתפללי הביהמ"ד האלטן מיט טאג טעגליך ווי דער ארבעט רוקט זיך פאראויס, מען האלט שוין טיף אינמיטן פון דעם אראפווארפן פראצעדור, און גאר אינגיכן וועט אי"ה זיך אנהייבן דעם אויפבוי טייל, אויף דעם געפלאנטן בית גדול לתורה ולתפלה, מיט דער קאמפליצירטער און שווערער אונטערנעמונג פון דער געפלאנטער מקוה, אין אונטערשטן שטאק.

עס איז גאר פריידיג דער מאמענט ווען דער ביהמ"ד וואס ווערט גערופן לשמו ולזכרו פון כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס האט זיך אוועקגעגעבן און גערעטעוועט דעם שטעטל "קרית יואל" וואס דער ביהמ"ד טוט דאס ריכטיג סימבאליזירן אלס "כיון שמסר נפשו עליה נקראת על שמו" טוט אצינד אויסברייטערן די גרעניצן מיט מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה, און מען האפט בעזר השם אז דער ארבעט וועט גיין גאר שנעל לנחת רוח פון רבותינו הקדושים זכותם יגן עלינו בגנזי מרומים, וואס שעפן נחת פון דער געוואלדיגער מעלין בקודש וואס ווערט פארווירקליכט אין אט דעם ביהמ"ד.

בונים היכל לה' ולתורתו!

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT

חמירא סכנתא מאיסורא

## אכטונג חשוב'ע עלטערן און קינדער שיחי'
מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען איבער
# די סכנה נאכצולויפן א באס ח"ו

**פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער איז, ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס**

דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס - וועלכע קענען דורכפארן און - באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכער נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכערגעמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ'ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י.

**מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו**

אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

ווי אויך, אויב פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פאר'ן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס.

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע
**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**




Fine Design

# פאָזיטיווע שליכטונג מיט פעדעראַלע EPA אַגענטור איבער אָנקלאַגע קעגן "בית השחיטה המהודרת"

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

כשר'ן און רייניגן די עופות.

למעשה האָט זיך אָנגעצינד אויף גאָר שנעל אַרויסגעשטעלט אַז מ'האָט נאָך אַלץ ווייט אונטערגעשאַצט דעם כתר שם טוב וואָס דער בית השחיטה האָט זיך איינגעקויפט. "קרית יואל'ער פלייש" איז געוואָרן אַ שם דבר אין די גאַנצע וועלט, און אידן מדקדקים בכשרות פון איבעראַל האָבן פאַרלאַנגט פון זייערע געשעפטן און רעסטוראַנען אד"ג דוקא די קרית יואל'ער עופות, און עס איז אין 09' למס' געקומען צו אַ מצב אַז די אַרבעט איז געוואָרן גאָר איבערגעשטרענגט און איבערגעריסן און מ'האָט נישט געקענט נאָכיאָגן דעם אויסטערלישן געברויך.

וואָס דאָס האָט אָבער מיטגעברענגט מיט זיך איז געווען, אַז דער "פרי-טריעטמענט" פלענט האָט נישט געקענט דערשטרייטן די גאָר גרויסע מאָס אָפּפאַל, וואָס האָט געמאַכט פראָבלעמען פאַר'ן בית השחיטה און פאַר'ן אומגעגנט, מיט'ן געראָך אד"ג, און האָט געברענגט אויף די ווייעלעישאָנס, סיי פון אָראַנדזש קאַונטי און באַזונדער פון די פעדעראַלע EPA אַגענטור.

*

מיט דריי-און-אַ-האַלב יאָר צוריק, אין 2011 למספרם, איז די הנהלה פונעם "בית השחיטה המהודרת" זיך דורכגעקומען מיט די קאַונטי, און דאַן אונטערגענומען אַ מאַסיווע אָפעראַציע וואָס האָט עווענטועל אויסגעברייטערט דעם "פרי-טריעטמענט" פלענט צו אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, אַזש עס קען היינט-צו-טאָגס באַהאַנדלען אַזויפיל ווי 70,000 עופות טעגליך! (היבש מער וויפיל עס ווערט היינט-צו-טאָג גע'שחט'ן.) ס'האָט טאַקע אָפּגעקאָסט אַ פאַנטאַסטישע 2 מיליאָן דאָלאַר, אָבער אַזוי האָט מען זיך בע"ה ענדגילטיג אויסגעגליכן מיט די קאַונטי.

[אגב דאַרף מען אַרויסברענגען, אַז אויך נאָכדעם וואָס מ'איז זיך דורכגעקומען מיט די קאַונטי און וואָס איבער די לעצטע דריי יאָר זענען שוין ב"ה נישט געווען קיין שום ווייעלעישאָנס, איז נאָך אַלץ געווען קלענערע פראָבלעמען מיט אַ שטיקל געראָך, און די הנהלה פונעם בית השחיטה המהודרת האָט זיך געלאָזט קאָסטן ריזיגע געלטער און אונטערגענומען אַ רייע קאָסטבאַרע און גאָר וויכטיגע פאַרבעסערונגען צום גאַנצן הלוך ילך, אַזוי אַז ב"ה היינט-צו-טאָגס זענען אַלע פראָבלעמען שוין 90% פאַרשווינדן, און מ'קען אָנגיין געהעריג מיט די הייליגע אַרבעט צוצושטעלן פאַר אידן כשר פלייש, אָן דעם וואָס דאָס זאָל פירן צו סיי וועלכע פראָבלעמען אין אַנדערע הינזיכטן.]

איינמאָל מ'איז פאַרטיג געוואָרן מיט די קאַונטי אין 11', האָט די EPA זיך אויפגעוועקט צו פאַרלאַנגען די פעדעראַלע קנסות אויף די זעלבע פראָבלעמען וואָס זענען שוין געלייזט געוואָרן — וואָס זיי האָבן געהאַט געוואַרט אַז מ'זאָל קודם פאַרטיגן מיט די קאַונטי — און במשך די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר האָט מען פאַרהאַנדלט מיט די EPA, ביז ס'איז געקומען דער יעצטיגער אויסגלייך אַז מ'וועט באַצאָלן דעם דערמאָנטן קנס.

יעצט וואַרט מען אַז דער ריכטער זאָל באַשטעטיגן אַז ער נעמט אָן דעם אויסגלייך צווישן די פעדעראַלע EPA און בית השחיטה אויף די ווייעלעישאנס פון 09' ביז 11', און אַזוי אַרום וועט מען זיין גענצליך פאַרטיג מיט דעם אַלטן פראָבלעם און קענען ווייטער אָנגיין מיט דער עבודת הקודש אָן קיין שום שטער.

*

ליידער אָבער איז הרשעים כים נגרשו, און שוין ווידער האָבן די פינסטערע "יונייטעד מאָנראָ" רשעים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צוצוברעכן און שעדיגן יעדע זאַך וואָס האָט שייכות מיט קרית יואל, אַריינגעשטעקט זייערע גיפטיגע נעגל אין עפּעס וואָס האָט מיט זיי לגמרי נישט קיין שייכות, און מיט אַקטיווער הילף פון זייער שוין-היינט-באַקאַנטע שותפים, די מחרחרי ריב פון די "קעי זשעי אַלייענס", האָבן זיי געשיקט גאָר אַ געמיינעם בריוו צום ריכטער; צו די EPA און צו די פעדעראַל יו-עס אַטוירני, מיט אַ פאַרלאַנג אַז מ'זאָל פאַרגרעסערן די געלט-שטראָפן אויף די בית השחיטה מיט שווערע מיליאָנען דאָלאַרן.

אינעם בריוו פּרובירן זיי צו פאַרקאָכן אַ קאַשע אַז דער בית השחיטה איז טייל פון דער צענטראַלער ווירטשאַפט אין קרית יואל, וויבאַלד טייל פון די מענטשן וואָס זענען פון די הנהלה פונעם בית השחיטה זענען אויך אַקטיוו אין פאַרשידענע עסקנות אינערהאַלב די קהלה ומוסדות פון קרית יואל, און דעריבער פאַרלאַנגען זיי אַז דער ריכטער זאָל אַרויפלייגן אַן אומגעהויער-גרויסער שטראָף פון מיליאָנען דאָלאַרן אויף'ן בית השחיטה, כדי 'אָנצולערנען' קרית יואל איבער די ענווייראָמענטאַלע פראָבלעמען.

דער בריוו איז דורכגעפלאָכטן מיט אַ 'וואונדערליכע' באַקאַנטשאַפט אין די אינערליכע אַנגעלעגנהייטן פון קרית יואל, און די היסטאָריע פון די קהלה ומוסדות הק' פון קרית יואל במשך צענדליגער יאָרן, אויף אַ פאַרנעם וואָס איז אוממעגליך פאַר'ן אַלגעמיינעם דרויסנדיגן גוי צו וויסן.

דאָס פנים פלאַמט פאַר בושה ווען ס'שטעלט זיך ווידער אַרויס אַז ס'איז "יד ישראל באמצע", ווען די זעלבע בייזוויליגע עלעמענטן האָבן עטליכע יאָר צוריק אויפגעהויבן אַ האַק אויף די גאַנצע הייליגע שטאָט קרית יואל, ביים פּרובירן אויפצולעזן דעם קרית יואל ווילעדזש אין פעדעראַלן געריכט און אַזוי ח"ו ברענגען אַן ענדע צו די שווערע האָרעוואַניע, די הייליגע שטאָט וואָס רביה"ק זי"ע האָט אויפגעשטעלט בשארית כוחותיו, וואו דאָרט זענען זיי אויך געגאַנגען אין געריכט מיט ענליכע 'טענות' און 'באַווייזן' אונטערצובעטן זייער קלאַגע און דאַדורך אונטערצוברענגען קרית יואל חלילה.

דאָסמאָל זענען זיי געגאַנגען ווייטער אין דער זעלבער געמיינער ריכטונג, נאָר יעצט האָבן זיי באַוויזן צו טרעפן אַ 'שבת גוי', מאַכנדיג אַ יד אחת מיט די וויסטע "יונייטעד מאָנראָ" רשעים וועלכע זוכן אונטערצוברענגען, און פינאַנציעל אונטערברעכן, חלילה אַלע קינדער-געבענטשטע פאַמיליעס פון "גאַנץ" קרית יואל, היל"ת, און טראָץ וואָס זיי ווייסן זייער גוט אַז מיט'ן געבן אַ האַנט פאַר די רשעים שיסן זיי זיך זעלבסט אין די פיס, ווייל די אַלייענס און אירע שטיצער וועלן פונקט אַזוי ליידן פון די אַנטי-וואוקס עלעמענטן, שטעלן זיי זיך נישט אָפּ פאַר גאָרנישט, אבי 'אפשר' צו באַווייזן אַז דער בית השחיטה המהודרת זאָל פאַרלירן מיליאָנען, עפּעס וואָס וועט האָבן שווערע נאָכווייען אויף יעדן איד אין ניו יאָרק און אַרום, וועלכער איז מקפיד צו נוצן די כשר'ע, מהודר'דיגע פלייש פונעם וועלט-באַרימטן בית השחיטה דאָהי אין קרית יואל.

וויפיל די אויגן וואונדערן זיך אויף די פינסטערע "יונייטעד מאָנראָ" העצער וועלכע מישן זיך דאָ אַריין אין עפּעס וואָס האָט בכלל נישט קיין שייכות צו זיי און צייגט בלויז אויף די וויסטע און אַבנאָרמאַלע שנאה וואָס זיי פאַרמאָגן צו יעדע זאַך וואָס איז פאַרבינדן מיט קרית יואל, טוט אָבער דאָס האַרץ נאָכמער וויי צו זען וויאַזוי אידישע קינדער, אחינו בשרינו, דערקייקלען זיך מדחי אל דחי און שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר געמיינע מסירות ומלשינות — אַ ריכטיגער "מוסר ממון ישראל ביד עכו"ם", און פאַרפעסטיגן ווייטער דעם "קשר בוגדים" פון "יונייטעד מאָנראָ" מיט "קעי-דזשי אַלייענס" וואָס זיי האָבן זיך פאַרבינדן מיט די שונאי ישראל, ה"י.

האָפנטליך וועלן די אַלע פעולות נישט האָבן קיין השפעה, און דער ריכטער וועט אַנערקענען אַז דער אויסגלייך איז פולקאָם יושר'דיג און אויסגעהאַלטן, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

ויה"ר שילמדו תועים בינה.

# וואַסער־ראַטע העכערונגען, צו דעקן שטייגנדע אויסגאַבן אינעם לויפנדן וואַסער דעפּאַרטמענט בודזשעט, אַריין אין אַפעקט

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

דעקן די אַסטראָנאָמישע קאָסטן פון בויען דעם גיגאַנטישן "וואַסער פּייפּליין", און דער "קאָנעקשאָן אָפּצאָל" וועט זיין אין אַפעקט ביז ווילאַנג דער באַנד וועט בעזהשי"ת אָפּגעצאָלט ווערן.

פילע איינוואוינער געדענקען אַן ענליכן שריט, ווען דער ווילעדזש האָט אַרויפגעלייגט אַ "סוער קאָנעקשאָן פרייז" מיט אומגעפער 16 יאָר צוריק, ביים בויען דעם סוער פלענט, וואָס האָט אויסגעפעלט אַראָפּצונעמען דעם דעמאָלסדיגן דירות מאָראַטאָריום אין וועלכן מ'האָט נישט געקענט מער צולייגן קיין איין איינציגע דירה אין קרית יואל. דער ווילעדזש האָט בשעתו אויך אַרויסגענומען אַ לאַנג-טערמיניגען 15 מיליאָן דאלאר באַנד פון די סטעיט, ווען דערמיט איז ערמעגליכט געוואָרן אויפצובויען דעם מאַסיוון סוער פלענט אויף בעיקערטאַון ראָוד, און דאָס צו דעקן האָט דער ווילעדזש אַרויפגעלייגט אַ "קאָנעקשאָן אָפּצאָל" אויף אַלע פרישע דירות וואָס האָבן געקענט געבויט ווערן אַדאַנק דעם נייעם סוער פלענט.

דאָס זעלביגע וועט יעצט אונטערגענומען ווערן צו קענען פינאַנצירן דעם גיגאַנטישן וואסער פּייפּליין פּראָיעקט, וואָס דאָס וועט האָפנטליך צושטעלן דעם נויטיגן באַווייז פאַר די סטעיט אינסטאַנצן אויסצולייגן דאָס געלט פאַר'ן פאַרצווייגטן פּראָיעקט, אויף גרינגע און פאַרלענגערטע טערמינען.

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די ערב שבת טעג זענען גאר קורץ, טוען מיר נאכאמאל מפרסם זיין די תקנה וואס איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דא אין שטאט, דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי פאלגענד:

ווען עס קומט אן דער זמן פון הדלקת נרות של שב"ק זאל זיך שוין נישט געפינען קיין איין ארבייטער אין די גרעניצן פון קרית יואל, און ס'ליגט א פליכט און אן אחריות אויף אלע קאנטראקטערס, זיי זאלן זען אז איין שעה פארן זמן, דארפן שוין אלע ארבייטער אויפהערן ארבעטן און זיך גרייטן צו פארלאזן די שטאט.



RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (914) 783-0994-5

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

ב"ה

על דבר המכשילה שפועלי עכו"ם עושים את מלאכתם - בבנין ותיקון בתים וכדוי - לקבלנים מבני ישראל בערבי שבתות, ומלאכתם יכולה להמשך גם אחר כניסת השבת, - ובפרט בימי החורף שהיום קצר והמלאכה מרובה.

ואחרי משא ומתן עם ידידי הגאון הדומ"ץ דפה שליט"א באנו לידי החלטה שלמיגדר מילתא נצרכה לתקן תקנה לעיר הזאת, שבהגיע זמן הדלה"נ בל יראו ובל ימצאו הפועלים בתחומי עיר קרית יואל יע"א, ושעה אחת קודם זמן הדלה"נ של שבת, צריכין הפועלים להפסיק את עבודתם ולתכונן לנסוע מהעיר, ודבר פשוט וברור שעל הקבלנים מוטל האחריות שיתקיים התקנה במילואו, ולמזהיר ולנזהר, שלומים תן כמי נהר.

הכותב וחותם למען שמירת שבת קדשינו




VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

דערמיט ווילן מיר מעלדן אז דער

# "היעפ" פראגראם

פון היי יאריגן ווינטער

## סיי די "רעגולער היעפ" און
## סיי די "עמויירדזשענסי היעפ"

# ענדיגט זיך
# אין צוויי וואכן ארום

# Mar 16 – מאנטאג

צו אפלייען, רופט: 291-2002 x1

פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס:
783-8300 Ext. 2

מיט דאנק, דער ווילידזש

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# פורים סקעדזשועל
# פון אונזערע באסעס

תשע"ה

| פורים - שושן פורים<br>March 5 - 6 | תענית אסתר<br>March 4 |
| --- | --- |
| נישט קיין טראנספארטאציע סערוויס | לאקאלע רוט:<br>ביז 4:30<br>וואדבערי קאמפן רוט<br>וואל מארט רוט<br>בלויז איין באס נאר אין שטעטל<br>ביז 5:00 |

נ.ב. אין די נישט געוועהנליכע טעג (צ.ב.ש. אין די ימים טובים צייטן, חגאות, אדער ווען ס'איז דא טוישונגען אין די סקול טראנספארטאציע), איז ראטזאם אריינצורופן צום ווילידזש טראנספארטאציע ליין, 783-8300 Ext. 1-4-2 צו הערן צו די באס סקעדזשועל איז אויף די האלידעי סקעדזשועל

די טראנספארטאציע דעפארטמענט

געדענקט: ווען איר קויפט א טיקעט-בוך באקומט איר די ביליגסטע פרייזן

# "בעסטע־אין־סטעיט" פינאַנץ פאַרבעסערונג ביי "קרית יואל סקול דיסטריקט" רופט אַרויס הילכיגער קידוש שם שמים

(פאַרזעצונג פון זייט 1)

פאַרצווייגטע טעראַפּי-פונקציעס אינעם מוסד הק׳ "שערי חמלה" לטובת די טייערע קינדערלעך.

במשך די וואכן וואס די אודיטארס האבן פארבראכט אין די אפיסעס פונעם סקול דיסטריקט, זענען זיי צווישן אנדערע פראגעס אויפגעקומען מיט די פראגע, פארוואס א יאר צוריק, נאכ׳ן זיין געצווינגען צו בודזשעטן א שטייער-ראטע העכערונג פון העכער ניין פראצענט — צו דעקן אויפאיינמאל די פארלאנגען פון דריי הונדערט זיבעצן עלטערן אויף מאסיווע נייע סקול באס סערוויסעס פונעם דיסטריקט — און צום ענדע האט עס נישט אויסגעפעלט, פארוואס האט מען צוריק רעדוצירט דעם בודזשעט מיט אזויפיל, ביז א קליינע העכערונג פון אונטער 3 פראצענט?

"אויב איז דער בודזשעט געווען אין אזא סטרעס, - פון די 12 אנגעשטרענגסטע אין די גאנצע סטעיט - און די בודשעט מיט 9 פראצענט העכערונג איז שוין אפיציעל באשטעטיגט געווארן, פארוואס האט מען עס נישט געלאזט אזוי און גענוצט די געלטער צו לעזן אזויפיל פראבלעמען און אויסגאבן און נאכלאזן די סטרעס, אריינבלאזן אביסל מער רואיגקייט און ברייטקייט אינעם בודזשעט?", האבן זיי געפרעגט.

נו, גיי זיי מסביר וואס מיינט א אידיש הארץ, וואס מיינט געטרייע סקול באורד מעמבערס. אז מען איז געצווינגען צו הייבן שטייערן מיט 9 פראצענט, איז עס דאך א הכרח. אבער אין די מינוט וואס ס׳פעלט נישט אויס, וועט מען אראפדרוקן דעם בודזשעט צום מינימום וואס מעגליך, איינצושפארן די הוצאות פאר די איינוואוינער, ווי איידער צו נעמען א העכערונג אפילו עס איז שוין אפיציעל באשטעטיגט געווארן און מ׳וואלט עס גערן געקענט נוצן פאר גוטע זאכן.

אגב, מיט די 9 פראצענט העכערונג צו דעקן די פארלאנגטע באסעס איז דער בודזשעט אויטאמאטיש ארויף העכער די סומע פון די "סטעיט קעפ," און דאס האט אזוי ארום אויסגעשלאסן די שטייער-צאלער פון קרית יואל סקול דיסטריקט צו זיין בארעכטיגט צו באקומען די "טעקס פריז קרעדיט ריפאנד" וואס גאווערנאר קאומא האט פאראיאר געמאלדן. א הויפט תנאי צו באקומען די "ריפאנד" איז אז עס דארף ווערן אדאפטירט א ׳בודזשעט׳ וואס שטייט אונטער די "סטעיט קעפ." דער פאקט אז עוונטועל האט מען שפעטער יא באוויזן צו רעדוצירן די טעקס ראטע צו בלויז א מינימום העכערונג איז לויט די סטעיט רעגולאציעס שוין נישט רעלעוואנט לגבי די "טעקס פריז קרעדיט ריפאנד".

אין יעדן פאל, די אודיטארס זענען געווען העכסט צופרידן פון אלעס וואס זיי האבן געזען.

צוריק צום סטעיט קאמפטראלער׳ס באריכט איבערן צושטאנד פון אלע סקול דיסטריקטן איבער ניו יארק, איז געמאלדן געווארן אז די פינאנציעלע ווירטשאפט ביים קרית יואל סקול דיסטריקט האבן גאר שטארקע יסודות אויף א קראנטע פארנעם, און קרית יואל איז גענוצט געווארן אלס סימבאל פאר אנדערע צו פארבעסערן די פינאנצילע ווירטשאפט. די פאזיטיווע מעלדונג האט באלד אויסגערופן א געוואלדיגן קידוש שם שמים.

שפעטער איז די נייעס ברייט פאַרשפרייט געוואָרן, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פון כבוד שמים אין די ברייטע ניו יארקער גאס.

דער קאָמפּטראָלער האָט פּראָקלאַמירט די רעזולטאַטן פון "פיסקעל סטרעס" טעסטן אויף אַלע סקול דיסטריקטן, און ער האָט דערביי אויסגעשמועסט מער איינצלהייטן איבער די עטליכע צענדליגער דיסטריקטן וואָס זענען נאָך אַלץ "אין סטרעס", בעסער אָדער אַרגער, אָדער זענען נאָר "אויסגעשטעלט" צו קומען אונטער סטרעס.

אין דער מעלדונג ווערט אָנגעוויזן אַז קיין איין סקול דיסטריקט אין ניו יאָרק סטעיט האָט זיך נישט אַזוי פאַרבעסערט ווי קרית יואל סקול דיסטריקט — וועמענ׳ס פינאַנציעלע זיילן האָבן דערגרייכט אַ מעכטיגע פאַרבעסערונג פון פופציג פראָצענט!

לויט׳ן סטעיט קאָמפּטראָלער, גייט די "סטרעס" סקאָור פון 1 (בעסטע) ביז 100 (אַרגסטע). סקול דיסטריקטן מיט אַ "סקאָור" פון 24.9 אָדער ווייניגער, זענען טאָטאַל קראַנט, אָן קיין שום "סטרעס". קרית יואל סקול דיסטריקט איז אָנגעקומען צו אַ האָר העכער דעם, פונקטליך 25, וואָס מיינט אַז דער אייגנאַרטיגער אויסשטעל פון קרית יואל, ווי געזאָגט, לאָזט נאָך אַלץ צו "איין האָר" פון מעגליכע סטרעס, אָבער אויסערדעם איז מען ב"ה קראַנט און שטאַנדהאַפטיג ווי דאָס בעסטע, אַרויס פון אַלע סטרעס קאַטעגאָריעס!

דער אויספיר פונעם אודיט און די אָסטראָנאָמישע 50 פראָצענט "פיסקעל" פאַרבעסערונג, איז אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא, אַ דערגרייכונג וואָס לאָזט זיך נישט גענוג זאָגן מיט ווערטער, ובפרט ווען דאָס אלעס קומט מיט א בלויזע מינימאלע טעקס העכערונג פון אונטער דריי פראצענט.

ווי באַקאַנט איז אַריינגעלייגט געוואָרן גאָר שווערע כוחות און מי, בפרט די לעצטע צייטן, צו פאַרשטאַרקערן די פינאַנציעלע זיילן פונעם סקול דיסטריקטן, צו ווערן מער שטאַנדהאַפטיג. איבערהויפט האָט מען אַריינגעלייגט גרויסע כוחות און פלאָג אויפצואַרבייטן די גאַנצע באָס טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם, עס זאָל פאָרן אויף נייע פינאַנציעלע ליניעס, אויפ׳ן ריכטיגן פראָפעסיאָנעלן וועג. עס איז נישט אָנגעקומען גרינג, אָבער צוליב דעם איז מען ב"ה אָנגעקומען דאָ וואו מען שטייט, בשעה טובה ומוצלחת.

דער מעכטיגע קידוש שם שמים וואָס האָט אָפּגעקלינגען פונעם קאָמפּטראָלער׳ס באַריכט אויפ׳ן סקול דיסטריקט דאַרף מען נישט מסביר זיין, וואָרום עס רעדט פאַר זיך אַליינס. אויך איז עס ברייט באַריכטעט געוואָרן אין די אַלגעמיינע פרעסע, מיט פּאָזיטיווע התפעלות.

דאָס איז אַדאַנק די שווערע האָרעוואַניע, בייטאָג און ביינאַכט, וואָס ווערט אַריינגעלייגט עד אין שיעור וערך דורכ׳ן "סקול באָורד" און אדמיניסטראציע שטאב, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט אומגעהויערע פלאָג און כוחות צו דערגרייכן דעם ציל, און ב"ה די מלאכת הקודש האָט זיך אויסגעצאָלט.

נאָכ׳ן באַקומען די אָפיציעלע מעלדונגען פונעם קאָמפּטראָלער׳ס אָפיס, זענען די חברי ההנהלה אַריבער לביתו נאוה קודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, איבערצוגעבן די גינסטיגע נייעס, און דער קידוש שם שמים וואָס האָט זיך געשאַפן ביי די העכסטע אינסטאַנצן.

כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט אויפגענומען די בשורה טובה מיט געוואַלדיגע שמחה און קורת רוח, און האָט אָנגעוואונטשן פאַר די חברי הנהלה גאָר וואַרימע ברכות און השפעות טובות בזכות זייער הייליגע אַרבייט, און זיי זאָלן קענען אָנגיין אויפ׳ן זעלבן וועג, מיט פיל סייעתא דשמיא מיט ברכה און הצלחה עד ביאת הגואל.

## New York State Office of the State Comptroller

Thomas P. DiNapoli • State Comptroller

## Fiscal Stress Monitoring System

January 2015

### School District Fiscal Stress Summary Results: 2013 to 2014

The Office of the State Comptroller's (OSC's) Fiscal Stress Monitoring System (FSMS) continues to evaluate the presence of fiscal stress in school districts across the State, as well as environmental stressors that may help explain some of the additional challenges that exist. The primary purpose of this initiative is to inform district officials,

**School Districts by Fiscal Stress Designation**

| | SY 2012-13 | | SY 2013-14 | |
|---|---|---|---|---|
| | Number | Percentage | Number | Percentage |
| **Districts in Fiscal Stress** | | | | |
| Significant Fiscal Stress | 12 | 1.8% | 10 | 1.5% |
| Moderate Fiscal Stress | 23 | 3.4% | 27 | 4.0% |
| Susceptible to Fiscal Stress | 52 | 7.7% | 53 | 7.9% |
| **Subtotal** | **87** | **12.9%** | **90** | **13.4%** |
| **Other Districts** | | | | |
| No Designation | 587 | 87.1% | 582 | 86.6% |
| **Total** | **674** | **100.0%** | **672** | **100.0%** |

**Districts with Large Changes in Fiscal Stress from 2013 to 2014**
(Change of 25 Percentage Points or More in Fiscal Stress Score; Increases Indicate Increasing Fiscal Stress)

| School District | County | Need/Resource Category | 2013 Financial Designation | 2014 Financial Designation | % Point Change in Fiscal Stress Score |
|---|---|---|---|---|---|
| Mount Morris Central School District | Livingston | High-Need Rural | Moderate Fiscal Stress | No Designation | -25.0% |
| Oswego City School District | Oswego | Average-Need | Susceptible to Fiscal Stress | No Designation | -26.7% |
| Wappingers Central School District | Dutchess | Average-Need | Susceptible to Fiscal Stress | No Designation | -28.3% |
| Lafayette Central School District | Onondaga | Average-Need | Moderate Fiscal Stress | Susceptible to Fiscal Stress | -28.3% |
| Holland Central School District | Erie | Average-Need | Moderate Fiscal Stress | No Designation | -28.3% |
| Tupper Lake Central School District | Franklin | Average-Need | Significant Fiscal Stress | Susceptible to Fiscal Stress | -31.7% |
| Gananda Central School District | Wayne | Average-Need | Moderate Fiscal Stress | No Designation | -31.7% |
| Hudson City School District | Columbia | High-Need Rural | Susceptible to Fiscal Stress | No Designation | -31.7% |
| Maine-Endwell Central School District | Broome | Average-Need | Moderate Fiscal Stress | No Designation | -33.3% |
| Elmira City School District | Chemung | High-Need Urban/Suburban | Susceptible to Fiscal Stress | No Designation | -41.7% |
| General Brown Central School District | Jefferson | Average-Need | Significant Fiscal Stress | No Designation | -48.3% |
| Kiryas Joel Village Union Free School District | Orange | High-Need Urban/Suburban | Significant Fiscal Stress | Susceptible to Fiscal Stress | -50.0% |

Source: OSC.

**הילכיגער קידוש השם! קרית יואל סקול דיסטריקט האָט זיך דאָס מערסטע פאַרבעסערט פון גאַנץ ניו יאָרק סטעיט, מיט אַ טויש פון 50%-, אַ פאַקט וואָס דער סטעיט קאָמפּטראָלער האָט אַרויסגעהויבן אין זיין באַריכט (זעט דאָ אונטן)**

### Score Decreases

Twelve districts had a decrease of 25 percentage points or more in their total fiscal stress score. Only one district had a decrease in fiscal stress of 50 or more percentage points: Kiryas Joel Village Union Free School District (Orange County), which went from significant fiscal stress in SY 2012-13 to susceptible to fiscal stress in SY 2013-14. Other districts with decreases of 30 or more percentage points in their fiscal stress scores are: General Brown Central School District (Jefferson County), Elmira City School District (Chemung County), Maine-Endwell Central School District (Broome County), Hudson City School District (Columbia County), Gananda Central School District (Wayne County), and Tupper Lake Central School District (Franklin County). All of these districts moved to a lower category of fiscal stress.

Many districts with dramatic improvements in their fiscal stress scores managed to realize operating surpluses, which boosted performance on the fund balance indicators as well. The underlying reasons for the improvement varied: some had an increase in payments in lieu of taxes (PILOTs) or State aid, while one realized savings in medical benefits and another showed improvement after experiencing unusually high expenditures the previous year due to an emergency expenditure.

# קרית יואל אָטעמט אָפּ נאך פטור ווערן פון "קאַסינאָ" געפאַר, בס"ד, אַדאַנק דאָפּלטע געריכט-קלאַגע פון הנהלת הקרי'

## תושבי קרית יואל והגלילות אָטעמען אָפּ העכסט צופרידן נאָכ'ן הערן די בשורה טובה, אַז מיט גרויסע סייעתא דשמיא איז די הייליגע שטאָט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם שווערן "קאַסינאָ" געפאַר וואָס האָט געלויערט אויף די אומגעגנט און איז איצט ב"ה אַראָפּ פונעם האָריזאָנט

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

אויך שטאַרק געאַרבייט אויף אַ קאַסינאָ, און עס זענען געווען זעקס פאָרשלאַגן דערפאַר, צווישן זיי ניו ווינדסאַר, טאַקסידאָ, וואָודבאָרי, בלומינגראָוו, און נאָך, ווען טייל פון זיי גרעניצן זיך ממש דאָ ביי דער טיר פון קרית יואל. די קאַונטי האָט געהאַט געזאָגט אַז "וואָודבאָרי קאַמאָנס" מיט אַ קאַסינאָ דערנעבן איז אַ קאָמבינאַציע וואָס וועט ממש אויפרייסן די פּאָזיטיווע עקאָנאָמישע דינאַמיט פונעם גאַנצן ראַיאָן (און איבעררינען די לאָקאַלע שטייער-קאַסע). אויך האָט די קאַונטי געזאָגט אַז די קרית יואל אומגעגנט, אַרום פופציג מייל פון דער סיטי, איז די מאַקסימום ווייטקייט וואָס שטאָטישע מענטשן וועלן פאָרן צו באַזוכן אַזאַ פּלאַץ, און מער פון דעם איז שוין צו אַ לאַנגע נסיעה.

במשך דעם פאַרלאָפענעם זומער האָט מען געהערט פון די סטעיט, אַז אָנהויב ווינטער וועט די "סטעיט געימינג קאָמישאָן" מעלדן וועלכע קאַסינאָ פאָרשלאַגן וועלן אָנגענומען ווערן.

תושבי קרית יואל, איבערהויפּט די חברי הנהלת הקרי' אלס די וואס פאַרטרעטן די איינוואוינער, האָבן אויפגענומען מיט גרויס זאָרג און שרעק די אַנטוויקלונגען, שפּירנדיג אַז די פּלענער פון האָבן אַ קאַסינאָ דאָ אין שכינות איז אַ שרעקליכע סכנה וואָס לאָקערט אויפ'ן בלי און עתיד פון קרית יואל, די "ירושלים ד'אַמעריקע" זאָל קענען אָנהאַלטן איר קדושה און המשכת הדורות בדרך ישראל סבא עד ביאת הגואל.

*

מיט גרויס כובד ראש האָבן די חברי הנהלת הקרי' דורכגעטאָן דעם מצב און געקומען צום באַשלוס אַז דער וועג אָפּצוהאַלטן די שרעקליכע סכנה איז דורך אַ לעגאַלן קאַמף אין געריכט. דער מהלך, ווי פאָלגנד געשילדערט, האָט זיך ב"ה אַרויסגעשטעלט צו זיין דער ריכטיגער וועג בסייעתא דשמיא עפ"י דעת תורה ודינא דמלכותא, סיי מיט'ן אַרויסברענגען עפנטליך דאָס וויי-געשריי פון קרית יואל אויפ'ן געפאַר פון די קאַסינאָ פּלענער, און סיי מיט אַ קרעפטיגן לעגאַלן יסוד מיט וואָס אָפּצושלאָגן די גזירה.

די עלעמענטאַרע סכנות ברוחניות ובגשמיות וואָס אַזעלכע קאַסינאָ צענטערן ברענגען אָן פאַר די אומגעגנט היל"ת, איז גוט פאַרשטענדליך. עס ציט אָן עלעמענטן פון די נידריגסטע קרייזן, און ברענגט אַהער אַ געמיש פון געמיינע יונגען און אַנדערע חולאת'ן, וואָס וואָלט בשום אופן נישט געטאָרט ערלויבט ווערן אַז דאָס זאָל טאַקע ווערן אַ פאַקט. און דאָס איז אויסער די גשמיות'דיגע ענגשאַפטן פון טראַפיק, וואַסער און סוער איינריכטונגען, וואָס אַזאַ צענטער ברענגט מיט זיך מיט. דעריבער איז די הנהלת הקרי' געווען אַנטשלאָסן אונטערצונעמען דעם לעגאַלן קאַמף, אויסגערעכנט אָבער אַנטשלאָסן.

דער ערשטער שריט איז געווען אַן אומצווידייטיגע "רעזאָלוציע" וואָס דער ווילעדזש באָורד האָט אונטערגעשריבן און פּראָקלאַמירט, אַז קרית יואל טוט זיך קעגנשטעלן קעגן סיי וועלכן פּלאַן אויפצובויען די צוויי קאַסינאָס אין שכינות פון קרית יואל. די רעזאָלוציע האָט אַנטהאַלטן שטאַרקע סיבות פאַרוואָס דאָס זאָל נישט קענען גענומען ווערן אין באַטראַכט, און איז אַרומגעשיקט געוואָרן פאַר אַלע פּאָליטישע און מוניציפּאַלע באַאַמטע און אויך צו די מידיאַ אַגענטורן. די פאַרשפּרייטע רעזאָלוציע האָט שוין פון דער ערשטער מינוט געשאַפן אַ פּאָזיטיווע "פּאָבליק רילעישאָנס" קאַמפּיין, פאַרוואָס קרית יואל קען נישט און טאָר נישט שטיצן אַזאַ געדאַנק.

עס האָט אָבער יעדער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז גוט אַלס אַן אָנהויב, אָבער ווען די רעדע איז פון אַזויפיל מיליאָנען וואָס קען אַריינפליסן אין די לאָקאַלע טאַון קאַסעס און צו די סטעיט, וועט מען אַזאַ קאַמף נישט קענען געווינען נאָר דורך אַ "פּאָבליק רילעישאָנס" קאַמפּיין.

דאַן האָט דער ווילעדזש אונטערגענומען דעם מער אינטענסיוון "לעגאַלן קאַמף" קעגן די צוויי קאַסינאָס. קרית יואל האָט אַריינגעטראָגן צוויי באַזונדערע "לאָו-סוטס" אין די געריכטן, קעגן די צוויי קאַסינאָ פּלענער ממש ביים גרעניץ פון שטעטל, אין וואודבורי און בלומינגראָוו.

אין די אָנקלאַגעס קאָנצענטרירט זיך קרית יואל בעיקר אויף "מוניציפּאַלע" טעמעס, צב"ש, פרעגנדיג וויאַזוי די לאָקאַלע טאַונס און ווילעדזשעס האָבן זיך געקענט פאַרפליכטן צוצושטעלן די ריזיגע קוואַנטומס פון סוער וואָס אַזעלכע גיגאַנטישע פּראָיעקטן וועלן פאַרלאַנגען, וואָס דאָס גייט אויפ'ן חשבון פון די אַנדערע געגנטער אין שכינות, אַריינגעמענדיג קרית יואל, סיי בהווה און נאָכמער בעתיד. די טענה האָט נישט באַהאַלטן די איראָניע אַז בשעת אַרומיגע עלעמענטן אין וואודבורי און בלומינגראָוו, אָפיציעל און אומאָפיציעל, קעמפן אַזוי פאַרביסן קעגן פּראָיעקטן וואָס קרית יואל האָט אונטערגענומען די לעצטערע יאָרן, צי איז דאָס דער מאַכטפולער "פּייפּליין פּראָיעקט" לטובת דעם וואַסער-געברויך פון קרית יואל אָדער די סוער צוזאַמאַרבייט פון די קאַונטי מיט קרית יואל, און אַלעס מיט אַן אויסרייד אַז דאָס טוט אונטערמינירן זייער סוער און אַנדערע געברויכן, און דאָ פּלוצים טיילן זיי סוער צוזאָגן מיט אַ ברייטער האַנט, אָן די מינדסטע שטודיעס וויאַזוי אַזאַ זאַך וועט אַפעקטירן די אומגעגנט.

דאָס זעלבע קומט גלייכצייטיג צו ליכט איבער דער אַנעקסעישאָן. פון איין זייט וויינען די העצערס מיט קראָקאָדיל טרערן אַז די אַנעקסעישאָן וועט נעגאַטיוו ווירקן אויפ'ן טראַפיק פון די אומגעגנט, שוין נאָכדעם וואָס קרית יואל האָט פּראָצענטועל די ווייניגסטע "קאַרס-פּער-מענטש" ראַטע פון דער גאַנצער געגנט, אָבער ווען עס קומט צו די קאַסינאָס וואָס אירע טראַפיק נאָכווייען זענען אומגעהויער און אויך אומפאַרמיידבאַר, דאָרט זענען זיי בכלל נישט באַזאָרגט און אַלעס ווערט אונטערגעשריבן אָן קיינע שאלות, אָן דאָס מינדסטע אחריות פאַר דער געגנט.

די דאָפּלטע קלאַגע פון קרית יואל האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג, סיי אין די מידיאַ און סיי ביי די לאָקאַלע און סטעיט באַאַמטע, אַרויסברענגענדיג די שטאַרקע פּונקטן אויפ'ן לעגאַלן באַזיס, מיט האָפענונג אַז דאָס וועט בס"ד העלפן אָפּשטעלן די פּלענער, עס זאָלן חלילה נישט אויפגעשטעלט ווערן דאָ אַזעלכע נידריגע צענטערן אין די גלילות פונעם פלטרין של מלך.

*

במשך די וואָכן דערנאָך, האָט די הנהלת הקרי' אָפּגעהאַלטן נאָכאַנאַנדע באַראַטונגען איבער די קריטישע טעמע, און געווען אין רעגלמעסיגע קאָנטאַקטן מיט לעגאַלע מומחים, און זיך געלאָזט קאָסטן א הון תועפות פאר די גרעסטע פּראפעסיאנאלן אין דעם הינזיכט, ווי אויך מיט וויכטיגע סטעיט און לעגאַלע פאָרשטייער, איבער די קאַסינאָ אַנטוויקלונגען.

דעם דריטן טאָג סליחות, דינסטאָג פּר' האזינו, אַ טאָג פאַר ערב ראש השנה תשע"ה, איז געווען דער גרויסאַרטיגער טאָג ווען די קרית יואל אָנקלאַגע האָט אָפּגעהילכט איבער די גאַנצע סטעיט, און געשטעלט דעם טאָן אויפ'ן ווייטערדיגן גאַנג פון די טעמע.

אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען אַ גאָר וויכטיגע זיצונג דורך די "ניו יאָרק סטעיט קאַסינאָ לאָקעישאָן פּלענינג" באָורד, צו הערן די פאָרשלאַגן און מיינונגען, פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו, פון איינוואוינער אינעם קעטסקיל/האָדסאָן וועלי ראַיאָן, איבער די קאַסינאָ פּלענער וואָס זענען אַריינגעגעבן געוואָרן פאַר די קעטסקיל און אָראַנדזש קאַונטי אומגעגנט, דאס איז געווען איינס פון דריי באזונדערע טעג פאר די דריי ראיאנען.

די לאקאלע הירינג איז פאָרגעקומען אין פּאַקיפּסי, ניו יאָרק, מיט דער באַטיילונג פון סטעיט באַאַמטע, קאַסינאָ פירמעס, לאָיערס, אא"וו, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פאַר אַזויפיל ווי צוועלף שטונדן! די פּרעסע האָט אפילו באַריכטעט מיט איבערראַשונג וויפיל מענטשן זענען געקומען פאַרשרייען און פּראָטעסטירן די קאַסינאָ פּלענער, פיל מער ווי גערעכנט.

אַ הויכפּונקט ביים הירינג איז געווען די אָפיציעלע שטעלונג פון קרית יואל, וואו עס האָט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' אהרן פעלבערמאן הי"ו, דער "גאָווערמענט רילעישאָנס" פאַרטרעטער פונעם ווילעדזש, וועמענ'ס רעדע האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די פילע צוהערער. צווישן אַנדערן האָט ער קלאָר אַרויסגעברענגט און פאַרשטענדליך מסביר געווען פאַר די גוי'אישע צוהערער דעם האַרבן ענין פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". ער האָט ערקלערט אַז "אידן אין אַלע דורות איבער דער גאַנצער וועלט זענען צוגעבינדן צו דער תורה הקדושה און אָפּצוהיטן די דאָזיגע מצוה, און צוליב דעם לעבן אידן אָפּגעזונדערט און באַשיידן, אַרויס פון די איינפלוסן פון דער דרויסנדיגער וועלט."

ר' אהרן האָט ווייטער ערקלערט וויאַזוי אידן זענען אַהערגעקומען קיין אַמעריקע נאָך דער צווייטער וועלט קריג און זענען שאָקירט געווען פון די מאָדערנקייט און אויסגעלאַסנקייט פון דער אַמעריקאַנער גאַס, וויאַזוי רביה"ק מרן בעל דברי יואל זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט די שטאָט קרית יואל אַוועק פון דער רוישיגער גאַס, צולייגנדיג אַז די באַשיידנקייט און איידלקייט פון דער שטאָט קען אַוועקגערויבט ווערן אויב די קאַסינאָס וועלן אויפגעשטעלט ווערן האַרט ביים שוועל פון קרית יואל.

דערביי איז פּרעזענטירט געוואָרן אַ בריוו פונעם סופּעראינטענדענט פון מוסד הק' "שערי חמלה", ר' יואל פעטלין הי"ו, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט אַז קרית יואל איז איינס פון די שנעלסט-וואַקסנדע געגנטער אין גאַנץ אַמעריקע בליעה"ר, און איז אויך דער יונגסטער ווילעדזש מיט אַ דורכשניטליכע יאָרגאַנג פון אַזוי יונג ווי עלף יאָר אַלט, וואָס באַדייט אַז די קאַסינאָס וואָס ווערן געפּלאַנט נעבן קרית יואל, קענען האָבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויפ'ן חינוך און ערציאונג פון אַזויפיל יונגע קינדער ח"ו.

אינעם בריוו ווערט גוט אַרויסגעברענגט די שטעלונג פון אַלע תושבי העיר, נעמליך, אַז ביים "רעפערענדום" אין תשע"ג, אויף די פראַגע צי מ'זאָל באַשטעטיגן קאַסינאָס אין ניו יאָרק, האָבן כולם כאחד, גאַנצע 96 פּראָצענט פון די שטאָט, געשטימט דערקעגן.

דער קרית יואל ווילעדזש אַדוואָקאַט מר. דזשאוויד אפזעלי האָט געגעבן אַ לענגערע ערקלערונג איבער אַלע לעגאַלע אַספּעקטן און פּראָבלעמען וואָס די צוויי פאָרגעשלאָגענע קאַסינאָ פּראָיעקטן בשכינות פון קרית יואל וועט ברענגען. אפזעלי האָט אַרויסגעברענגט אַז לויט'ן געזעץ מוז די סטעיט נעמען אין באַטראַכט דער אימפּאַקט וואָס קאַסינאָס וועלן האָבן אויף אַלע אַרומיגע מוניציפּאַליטעטן. "באַזונדער" האָט ער געזאָגט "האָט דער ווילעדזש באַשטעטיגט אַ רעזאָלוציע אין קעגנערשאַפט צו די קאַסינאָס, און די רעזאָלוציע מוז אַריינגענומען ווערן אַלס טייל פונעם קאַסינאָ באַשטעטיגונג פּראָצעדור."

אַדוואָקאַט אפזעלי האָט דאַן אַרויסגעברענגט די פאַרשידענע נעגאַטיווע ווירקונגען וואָס די קאַסינאָ פּראָיעקטן וועלן האָבן אויפ'ן לאָקאַלן ענווייראָמענט, אַריינגערעכנט די מעגליכקייט אַז ס'וועט ברענגען אַ וואַסער-מאַנגל: "די קאַסינאָ פּראָיעקטן וועלן פאַרלאַנגען אַ גרויסער מאָס וואַסער-סופּליי, און דאָס וועט אַפעקטירן די שוין-אַזוי-אויך גאָר איבערגעשטרענגטע וואַסער-סופּליי פאַר די לאָקאַלע איינוואוינער פונעם ראַיאָן. עקזיסטירנדע וואַסער-קוועלער און סיסטעמען און אַזוי אויך נייע וואַסער-קוועלער, מוזן צוערשט סערווירן די איינוואוינער פונעם געגנט, אָבער דערווייל האָבן בלומינג-גראָוו און וואָודבאָרי נאָכנישט ערקלערט וויאַזוי זיי וועלן זעטיגן דעם נייעם געברויך פאַר וואַסער וואָס וועט צוקומען צוליב די קאַסינאָס," האָט ער געזאָגט.

אַ צווייטער גרויסער פּראָבלעם, האָט אפזעלי אַרויסגעברענגט, איז איבער סוער געברויך: "די געפּלאַנטע צוויי קאַסינאָס וועלן ברענגען אַ פרישן געברויך פאַר סוער, וואָס דערווייל זענען נישט אַהערגעשטעלט געוואָרן קיין קלאָרע פּלענער וויאַזוי בלומינג-גראָוו און וואָודבאָרי וועלן זיך ספּראַווען דערמיט. די אָראַנדזש קאַונטי "הערימאַן וועיסט-וואַטער טריטמענט פּלענט" איז שוין אַזוי אויך איבערגעשטרענגט,

(פאַרזעצונג אויף זייט 47)

### Regarding Other Proposals in Region One, Zone Two

The Board determined that to fulfill the intent of the Act, the one gaming facility license in the region should be awarded to a qualified and desirable Applicant in Sullivan County or Ulster County. While the Board recognizes that an Orange County casino could generate substantial revenues as a result of proximity to New York City, review of other scenarios found any additional facility in Orange County or a second facility in Sullivan County could destabilize the health of a single project in the traditional Catskills area. Therefore, the Board has determined not to recommend the award of a license to any proposal in Orange County or a second facility in the Catskills counties. The Board notes that certain proposals in Orange County had attractive features including strong casino operators, established loyalty programs and supplemental license fees but also had weaknesses, including (depending on the Applicant) local opposition, environmental concerns with proposed sites that threatened to delay their speed to market, traffic issues, and uncertainties about the financial condition of the sponsor and/or proposed financing package. Moreover, because of their proximity to New York City, all of the Orange County proposals resulted in a high level of cannibalization of existing downstate gaming facilities.

In the case of the Nevele proposal, a critical concern is that the proposal required $240 million of equity financing that is not yet committed. A very substantial share of such equity capital is proposed to come from firms that lack experience in the gaming industry and that did not submit financial statements.

The Board finds the Mohegan Sun proposal to be compelling. However, the Board determined, through an overall comparison of the two, that Montreign is a more comprehensive and well-measured proposal.

While the Board notes there were strengths and weaknesses among all three Catskills Applicants, the Board concludes that Montreign offers the superior proposal based upon consideration of all of the statutory factors.

**די "קאַסינאָ קאָמיטע" דערקלערט אַז אָראַנדזש קאַונטי באַקומט נישט קיין איין קאַסינאָ, און צווישן די סיבות דערפאַר רעכענען זיי אויס "לאָקאַלע אָפּאָזיציע", וואָס האָט אויך אַריינגענומען די געריכטליכע אָנקלאַגעס פון קרית יואל קעגן די געפּלאַנטע קאַסינאָס**

# קרית יואל אָטעמט אָפּ פון "קאַסינאָ" געפאַר

(פאָרזעצונג פון זייט 16)

און די צוויי דערמאַנטע מוניציפּאַליטעטן האָבן נישט געהאַט לעגאַל די רעכט צו באַשטעטיגן די קאַסינאָ פּראָיעקטן איידער'ן קריגן רשות פונעם גאַנצן סוער דיסטריקט, וועלכע נעמט אַריין קרית יואל."

דריטנס, האָט מר. אפזעלי אַרויסגעברענגט דעם שטאַרקן אימפּאַקט וואָס דאָס וועט האָבן אויפ'ן טראַפיק און בכלל אויפ'ן לעבנסשטייגער און לעבנס-קוואַליטעט. "די קאַסינאָ פּראָיעקטן וועלן ברענגען פרישע אָנגעשטויסענע טראַפיק, שווערע גערודער, קולות, איבריגע לעקטער-באַנוץ, שווערע גערוכן און לופט פאַרפּעסטיגונג, און די אַלע זאַכן וועלן דירעקט אַפעקטירן די איינוואוינער פון קרית יואל, ווייל די שאָסייען אַרום פירן דירעקט אַריין קיין קרית יואל" — האָט אַדוואָקאַט אפזעלי געזאָגט.

צום לעצט האָט ער אַרויסגעברענגט דעם פאַקט אַז פונעם לעגאַלן שטאַנדפּונקט זענען די באַשטעטיגונגען, וואָס בלומינג-גראָוו און וואָודבאָרי האָבן געגעבן פאַר די קאַסינאָ פירמעס, גענצליך נישט פעליג. "די סטעיט געזעצן פאַרלאַנגט אַז ביי אַזאַ גרויסן פּראָיעקט זאָל ווערן דורכגעפירט אַן איבערזיכט אויפ'ן ענווייראָמענטאַלן אימפּאַקט וואָס עס וועט האָבן אויפ'ן געגנט, און וויבאַלד אַזאַ איבערזיכט איז נאָכנישט דורכגעפירט געוואָרן, זענען די באַשטעטיגונגען דורך די צוויי מוניציפּאַליטעטן אויטאָמאַטיש ווערדלאָז לויט'ן געזעץ. דעריבער בעטן מיר אַז די קאַסינאָ קאָמיסיע זאָל צוערשט פאַרלאַנגען אַז אַ פולקאָמע ענווייראָמענטאַלע איבערזיכט זאָל דורכגעפירט ווערן, און ערשט נאָכדעם וועלן די מוניציפּאַליטעטן קענען געבן זייער באַשטעטיגונג פאַר די קאַסינאָ פירמעס."

דעם אַדוואָקאַט אפזעלי'ס לענגערע פּרעזענטאַציע האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די פילע פאַרזאַמלטע, און באַזונדער אויף די מיטגלידער פון די "קאַסינאָ לאָקעישאָן פּלענינג באָורד". לעגאַלע עקספּערטן האָבן שוין דאַן אויסגעדרוקט האָפענונג אַז דער צוגאַנג וועט שלאָגן וואָרצלען און וועט בעזר השם ברענגען אַז די סטעיט אויטאָריטעטן זאָלן אַרויסוואַרפן די אַפּליקאַציעס פון די קאַסינאָ פירמעס וועלכע ווילן בויען די פּראָיעקטן גאָר נאָנט צו אונזער הייליגער שטאָט קרית יואל.

*

אגב, מיט געוואַלדיגע השגחה פּרטית איז דעמאָלט, ממש אַ טאָג פריער, געקומען אַ דערקלערונג פון די ניו דזשערסי סטעיט-סענאַט קעגן אַ קאַסינאָ פּלאַן אין טאַקסידאָ, ניו יאָרק. ווי קומט ניו דזשערסי אַהער? ווייל דער גיגאַנטישער 1.4 מיליאָן-סקווער-פוס קאַסינאָ אין טאַקסידאָ וואָלט באַדאַרפט אַריינשניידן זייער טיף אין אַ וואַלד וואָס ניו דזשערסי פּלאָגט זיך שוין צוואָנציג יאָר צו פּרעזערווירן, ווייל פון יענע רייפע נאַטורליכע ערד קומט אַריין וואַסער פאַר דריי מיליאָן ניו דזשערסי איינוואוינער.

דאָס איז געקומען אַ מאָנאַט נאָכדעם וואָס די "פּאַלעסיידס אינטערסטעיט פּאַרקוועי קאָמיסיע" האָט שאַרף אַנטזאָגט צו לאָזן נוצן אַ לאָקאַלע ליניע וואָס וואָלט געהאָלפן אָנצוקומען צום געפּלאַנטן קאַסינאָ. דאָס איז געווען אַ מעכטיגער דורכפאַל פאַר'ן טאַקסידאָ פּלאַן, און אויך געווען אַ באַוויז אַז בלומינג גראָוו און וואָודבאָרי איגנאָרירן דעם טראַפיק-קריזיס וואָס קאַסינאָס וועלן ברענגען, בשעת אַנדערע געגנטער פאַרשטייען אַז מען דאַרף ערנסטע שריט דערוועגן. און די ניו דזשערסי קעגנערשאַפט צום טאַקסידאָ פּלאַן האָט אויך איבערצייגט אַז אַלע וויכטיגע זאָרגן ווערן איגנאָרירט ביי וואָודבאָרי און בלומינג גראָוו.

דאָס אַלעס האָט געמאַכט פיל שטאַרקער און האַרבער די טענות פון קרית יואל אַז די געפּלאַנטע פּראָיעקטן נעבן איר שטאָט זענען אומאַקצעפּטירבאַר.

*

גאָר אַ שטאַרקער השתדלות איז געקומען מצד קרית יואל ביים גאָווערנאָרס באַזוך אין קרית יואל פאַר די וואַלן (זעה באַזונדערע אַרטיקל דערוועגן), ווען דער געערטער גאָווערנאָר קאָומאָ האָט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין שטוב פון רבינו הגה"ק שליט"אַ אויף צאַנז קאָורט, וואו די טעמע פון די קאַסינאָס הארט נעבן קרית יואל איז אויפגעברענגט געוואָרן עטליכע מאָל, סיי דורכ'ן ראש הקהל וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו אין זיין רעדע צום גאווארנער און סיי אינעם שמועס פון רבינו שליט"אַ מיטן גאָווערנאָר, בעטנדיג בתחנונים אַז די נידריגע אנטשטאלטן און ביליגע פאַרוויילונגס פּלעצער זאָלן נישט געבויעט ווערן אין די שכינות פון אזויפיל טויזענטער אידישע קינדער. עס איז קענטליך געווען ביים באַזוך אַז דער גאָווערנאָר האָט אויפגענומען די בקשה מיט אן ערנסטקייט, און עס האָט איבערגעלאָזט די הנהלת הקריה מיט אַ שטאַרקע האָפענונג אַז דאָס זאָל טאַקע נישט צושטאַנד קומען.

*

אלענפאלס, די אפיציעלע און לעגאלע פאָרשטעלונג פון קרית יואל האָט אָפּגעקלינגען נאָנט און ווייט, פון די לאָקאַלע מוניציפּאַליטעטן בשכינות, ביז די סטעיט פירער אין אָלבאַני. די השתדלות, און אמונה און בטחון אַז מען טוט דעם ריכטיגן וועג עפ"י דעת תורה, לשם שמים, פאַר'ן הייליגן צוקונפט פון קרית יואל, האָט עושה רושם געווען.

אינעם ערשטן טאָג חנוכה, דער טאָג פון "טמאים ביד טהורים", דער לעכטיגער יום טוב פונעם "פּך שמן טהור פונעם כהן גדול", איז געקומען די פריילעכע בשורה: די סטעיט קאַסינאָ קאָמיטע האָט דערקלערט אַז קיין שום קאַסינאָ-פּלאָן ווערט נישט באַשטעטיגט אין אָראַנדזש קאַונטי, נישט "אַביסל ווייט" פון קרית יואל און אוודאי נישט דאָ ממש בשכינות.

אין א לענגערע באריכט, האט די סטעיט קאמיטע קלאר ארויסגעזאגט די אפיציעלע סיבות פארוואס די שכינות פון קרית יואל איז נישט געווען געאייגנט פאר א קאסינא: "די קאמיטע באטאנט אז געוויסע פלענער אין אראנדזש קאונטי האבן געהאט פאזיטיווע פאקטארן, אבער האבן אויך געהאט שוואכקייטן, דערונטער, לאקאלע אפאזיציע, ענווייראנמאנטאלע זארגן, טראפיק אישוס, זאכן וואס וואלטן געשטעלט א געפאר אויף ברענגען די ארטיגע [קאסינא] פלענער צו רעאליטעט." פון אלע פלעצער וואס זענען "נישט" באשטעטיגט געווארן, האט קיין איינס נישט באקומען אזא אפיציעלע ערקלערונג פארוואס נישט, נאר אז אנדערע זענען געווען "בעסער." נאר ביי אראנדזש קאונטי וואס עס זענען געווען די מערסטע און מאיאסטעטיש'סטע אפליקאנטן שטייט ארויס די שוואכקייטן פארוואס "נישט," כאטש קרית יואל ווערט טאקע נישט דערמאנט דירעקט ביים נאמען... קאמענטארן זענען איבעריג, ב"ה.

ווי נאָר די בשורה טובה איז אַריינגעקומען, האָבן די הנהלת הקרי' איינגעמאָלדן די בשורה פאַר כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער מרא דאתרא, - וואס האט באגלייט דעם גאנצן השתלשלות פונעם קאסינאו פראבלעם - אַז קרית יואל איז ב"ה ניצול געוואָרן, דאָס הייליגע קריגל אויל פונעם כהן גדול - דער מייסד העיר, איז ב"ה געראַטעוועט פון די יונ'ישע קאַסינאָ גזירה.

וואָכן און חדשים שפּעטער איז נאָך די אַרבייט פון די סטעיט קאַסינאָ קאָמיטע נאָך אַלץ נישט פאַרטיג. ווי געזאָגט, האָט מען צוריק געעפנט די פּראָצעדורן, אויסצוקלויבן נאָך אַ פערטן פּלאַץ פאַר אַ קאַסינאָ אין דער באָפעלאָ געגנט, גערופן די "סאַוטערן טיער".

אָבער בריך רחמנא דסייעא לן, אַז די גזירה וואָס האָט ח"ו געהויערט אויף אונזער הייליגע לעכטיגע שטאָט קרית יואל, איז בטל געוואָרן.

דאָס איז די פריילעכע נייעס וואָס מ'קען מעלדן שטייענדיג שוין גאַנץ נאָנט צום הייליגן יום טוב פורים, ליהודים היתה אורה. עס איז געווען אין די בחי' וואָס מרדכי הצדיק האָט געזאָגט פאַר אסתר המלכה, ווען אסתר האָט געזאָגט אַז מ'קען נישט אַריינגיין אָן רשות; וואָס איז שייך צו טאָן; דער מצב איז חלילה ביטער, האָט מרדכי הצדיק דאַן געזאָגט: גיי צום קעניג אָן קיין חשבונות. מיר וועלן איינרייסן מיט תפילה ותחנונים און דער בורא כל עולמים וועט שוין העלפן.

ביי די קאַסינאָ גזירה האָבן מאַנכע געזאָגט: וואָס קען מען טאָן, די סטעיט וויל אַזוי שטאַרק, די אפליקאנטן דא ארום האבן אינוועסטירט פילע מיליאנען צו ווערן אפראווט, אָראַנדזש קאַונטי וויל אַזוי שטאַרק, וואָס קען קרית יואל טאָן? וואָס קענען שוין אויפטאָן די הנהלת הקרי' פון אַ חסידישן שטעטל, קעגן די מעכטיגע אינטערעסן פון די מולטי-ביליאָן דאָלאַרדיגע גלאָבאַלע פירמעס מיט זייערע לאַביאיסטן און רעגירונג שטיצע?

אָבער מה עשה הקב"ה. אַז מען טוט דעם רצון ד', אַז מען קעמפט לשם שמים, מיט אחריות און אויסגערעכנטע שריט, העלפט דער בורא כל עולמים און מען גייט אַרויס מיט הצלחה, תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור, להודיע שכל קויך לא יבשו ולא יכלמו לנצח.

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF ORANGE

In the Matter of the Application of

VILLAGE OF KIRYAS JOEL and MAYOR ABRAHAM WIEDER; VILLAGE TRUSTEE MOSES GOLDSTEIN; VILLAGE TRUSTEE JACOB REISMAN; VILLAGE TRUSTEE SAMUEL LANDAU; VILLAGE TRUSTEE JACOB FREUND; and VILLAGE ADMINISTRATOR GEDALYE SZEGEDIN, each individually and in his official capacity, ROSE UNGAR, DAVID UNGAR, MOSES WITRIOL, ATKINS BROTHERS ASSOCIATES, LLC, AMAZON REALTY ASSOCIATES, INC., BURDOCK REALTY ASSOCIATES, INC., COMMANDEER REALTY ASSOCIATES, INC., and DILIGENT REALTY ASSOCIATES, INC.,

Petitioners-Plaintiffs,

**VERIFIED PETIT**
**AND COMPLAIN**

For a Judgment Pursuant to Article 78 of the CPLR and a Declaratory Judgment Pursuant to Section 3001 of the CPLR

Index No.
RJI No.
Date Filed:

- against -

TOWN OF WOODBURY, VILLAGE OF WOODBURY, VILLAGE OF WOODBURY BOARD OF TRUSTEES, VILLAGE OF WOODBURY PLANNING BOARD, VILLAGE OF WOODBURY ZONING BOARD OF APPEALS, COUNTY OF ORANGE, ORANGE COUNTY SEWER DISTRICT #1, WOODBURY CASINO, LLC, WOODBURY MANAGER, LLC, CAESARS ACQUISITION COMPANY, CAESARS ENTERTAINMENT OPERATING COMPANY, INC., CAESARS ENTERTAINMENT CORPORATION, and FLAUM MANAGEMENT COMPANY, INC.,

Respondents-Defendants.

Petitioners-Plaintiffs ("Petitioners"), by and through their attorneys, Whiteman

**הנהלת קרית יואל פארלאנגט פון געריכט אָפּצושטעלן די קאסינא פלענער הארט ביי די גרעניצן פון קרית יואל**
(עטליכע חדשים איידער די קאמיסיע'ס אפשטימונג)



# מיר ווילן הערן פון אייך!

אונזער ספעציעלע

# פידבעק דעפארטמענט

שטייט גרייט אייך אויסצוהערן און באהאנדלן אלע ערליי פידבעק:

## באמערקונגען
## בייפאלן
## קאמפלימענטן
## קאמפלעינטס

פאר סיי וואספארא פידבעק איבער'ן העלט צענטער, אדמיניסטראציע, דאקטוירים,
געהילפן, איינגעשטעלטע א.א.וו. קענט איר סיי ווען אימער רופן און לאזן א מעסעדזש אויף אונזער:

**24 שעה פידבעק-האטליין**

**845.774.1699**

איר קענט לאזן אייער מעסעדזש אנאנים. אויב ווילט
איר מ'זאל אייך צוריק רופן ביטע לאזט איבער אייער
אינפארמאציע און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט אייך.
זעלבסטפארשטענדליך אז אלע אינפארמאציע
וועלן געהאלטן ווערן שטרענג קאנפידענשאל.




עזרת חולים קרית יואל
Ezras Choilim Health Center
E.C. H.C.
(845) 782-3242

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

בס"ד

Ezras Choilim Health Center
עזרת חולים קרית יואל
E.C. H.C.
(845) 782-3242

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

**פידיעטריקס** (ביז 18 יאר)

**זשענעראל מעדיצין** (העכער 18 יאר)

**פרויען געזונטהייט**

**דענטאל**

**וויזשען קעיר** (אויגן)

**פאדייעטרי** (פיס)

**קארדיאלאדזשי** (הארץ)

**דערמאטאלאדזשי** (הויט)

**ספיטש טעראפי**

**פיזיקעל טעראפי**

**אקופעישאנעל טעראפי**

**אייער געזונט**
**איז אונזער אחריות!**



# מצילי אש אפטיילונג

## "מצילי אש" טעטיג אָפּצוראַטעוועט אידישע פאַרמעגנס און נפשות ביי עטליכע לעצטיגע פייער אינצידענטן

מיט עטליכע וואָכן צוריק האָט אַ פייער אויסגעבראָכן אין אַ דירה פרייטאָג צו נאַכטס.

נאָכ'ן רופן פאַר הילף זענען מצילי אש וואָלונטירן געווען אויפ'ן אָרט אין עטליכע סעקונדעס און האָבן באַלד דורכגעפירט די פיקוח נפש אַרבעט צו עוואַקואירן די דירה, און נאָכ'ן זיכער מאַכן אַז עס געפינען זיך שוין נישט קיין נפשות, איז דער פייער פאַרלאָשן געוואָרן דורך די גוי'אישע פייערלעשער.

דער פייער האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַן עלעקטריק פייער, וואָס איז ב"ה שנעל פאַרלאָשן געוואָרן אָן קיין מענטשליכע שאָדנס ב"ה.

*

אַ העלישער פייער האָט פאַרניכטעט אַ גאַנצע איין-פאַמיליע הויז אין שכנות פון קרית יואל. די פייער צינגען האָבן זיך גאָר שנעל און העליש פאַרשפרייט און די אַרומיגע פייער קאָמפּאַניס זענען אַרויסגערופן געוואָרן צו העלפן איבערצוקומען די פלאַמען.

עס האָט זיך זיך דאָרט שטאַרק אַרויסגעזען די גענויטע אַרבעט פון "מצילי אש", נאָכדעם וואָס אַלע ביימער רינגס אַרום דעם הויז זענען באַשפּריצט געוואָרן דורך די מצילי אש וואָלונטירן, וועלכע האָט שטאַרק געהאָלפן פאַרמיידן אַז דער פייער זאָל זיך ח"ו נישט אָנכאַפּן אין די ביימער און אין די דערנעבנדיגע הייזער.

*

ביי איין פאַל האָט זיך אַן אַלאַרם סיסטעם אין אַ הויז צעפּיפן, און עטליכע וואָלונטירן זענען באַלד אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דערגיין דעם אורזאַך, ווען עווענטועל איז מען דערגאַנגען אַז אַ הייסע וואַנע אין אַ דירה האָט געברענגט די הייסע פּאַרע צום אַלאַרם סיסטעם וואָס האָט זיך צעפּיפן.

עס איז אין פּלאַץ צו דערמאַנען די חשוב'ע איינוואוינער איבער דער וויכטיגקייט פון רופן "מצילי אש" אינפאַל מען הערט דעם אַלאַרם קלונגען ביי אַ שכן, און מען ווייסט נישט גענוי וואָס דער אורזאַך דערפון איז. עס איז שוין אומצאָליגע מאָל אויסגעקומען אַז מען האָט דורכדעם געראַטעוועט לעבנס.

*

אַן איינוואוינער אין עצי תמרים געגנט וואָס האָט געשמעקט גאַז האָט אַלאַרמירט מצילי אש. ווען די מעמבערס זענען ערשינען האָבן זיי נאָך איינינגע מינוטן אַנדעקט דעם ליעק ביים שכן אינעם גאַז-פייפּ, און דאָס פאַרמאַכט, ראַטעוועודיג די איינוואוינער פון פאַרגאַזונג רח"ל.

*

פאַר געציילטע וואָכן צוריק איז אַריינגעקומען אַ היסטערישער רוף צו מצילי אש ווען עס איז אַרויסגעקומען רויעך פון אַ בנין. די מעמבערס האָבן צוערשט אויסגעליידיגט דעם גאַנצן בנין פון נפשות. דערנאָך האָבן זיי דאָס אונטערגעזוכט און געטראָפן דעם אורזאַך פון די רויעך ווען אין בעיסמענט איז איינע פון די בוילערס אינעם בוילער-שטוב געווען אַקטיוו אָבער אָן וואַסער דערינען.

די רויעך וואָס האָט פאַרפולט דעם בנין און צוריקגעהאַלטן די איינוואוינער פון אַריינגיין צוריק אין בנין, איז אויסגעלופטערט געוואָרן דורך די מאַסיווע מערערע פענס וואָס מצילי אש האָט אַהינגעברענגט און אַקטיוויזירט, און נאָך אַ קורצע ווײַלע האָט מען געקענט צוריק אַריינלאָזן די איינוואוינער אין די געביידע.

*

אַ פייער-רוף איז אַריינגעקומען פון אַן איינוואוינער וועלכער האָט דערשמעקט אַ פייער-געריך אַרויסקומען פונעם לאָנדרי-צימער. מצילי אש האָט דאָס תיכף באַהאַנדלט און פאַרלאָשן. דער פייער איז געווען אַ תוצאה פון אָנגעזאַמלטע שטויב און לינד אינעם דרייער-ווענט, וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו ברענען און זיך געהאַלטן ביים אויסשפרייטן ה"י.

מצילי אש האָט פאַרלאָשן דעם פייער אָן קאַליע מאַכן דעם דרייער, דערנאָך וואָס לעצטנס זענען פאָרגעקומען ספּעציעלע מושטירונגען צווישן די מעמבערס וויאַזוי צו לעשן פייערן ביי דרייערס. דער דרייער איז פאָרזיכטיג אויפגעסקרולט געוואָרן און באַהאַנדלט געוואָרן, אָן עס צעברעכן אָדער רואינירן.

## "מצילי אש" זיך העפטיג צוגעגרייט צום היי-יעריגן ווינטער-סעזאָן

מ'האַלט שוין טאַקע ביים צווייטן העלפט פונעם היי-יעריגן גאָר-קאַלטן ווינטער-סעזאָן, אָבער ס'איז נישט כדאי אויסצולאָזן צו באַריכטן איבער די מאַסיווע צוגרייטונגען און איינריכטונגען וואָס "מצילי אש" האָט אונטערגענומען אָנהויב דעם סעזאָן צו זיין דאָס בעסטע צוגעגרייט וואָס מעגליך אויפ'ן ווינטער, בס"ד, וואו עס זענען אָנגעגאַנגען מאַסיווע אונטערזוכונגען אויף אַלע פראָנטן צו פאַרזיכערן אַז אַלע וויכטיגע מאַשינעריי און עקוויפּמענטס אינערהאַלב דער מצילי אש עקוויפּמענט-פלאָטע איז ריכטיג אויסגעשטאַט פאַר'ן ווינטער על כל צרה שלא תבוא.

צום ערשט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע אויף די "גענעראַטאָרס" וועלכע האָבן זיך אינעם עבר אַרויסגעשטעלט אַלס לעבנס-וויכטיג אַז "מצילי אש" זאָל קענען פונקציאָנירן אין פאַל פון אַ קורץ-שלוס, בפרט איז דאָס געווען דרינגנד וויכטיג ביי די צוויי גרויסע שטורעמס די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר, וואָס אַדאַנק די גענעראַטאָרס האָט מצילי אש געקענט זיין אַקטיוו אין די הצלת נפשות אַקטיוויטעטן אין יענע קריטישע טעג, בפרט פאר די וואָס זענען אָנגעוויזן אין לייוו סופּאָרט מאַשינען.

דערנאָך איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרונטליכע אונטערזוכונג אויף די פילע "פּאָמפּס" וואָס שטייען גרייט אינפאַל אַ דירה-פאַרפלייצונג אָדער פייפּ-ליעקס וואָס דאַן זענען די פּאָמפּס גאָר נויטיג אַרויסצושעפּן די אָנגעזאַמלטע וואַסער, וואָס קען פאַראורזאַכן שווערע שאָדנס.

ווי אויך זענען אונטערגעזוכט געוואָרן די "רעדער קייטן" פון אַלע מצילי אש טראָקס כדי דאָס צו קענען נוצן ביי שנייאיגע וועטערס, וואָס דאַן איז פילפאַכיג נויטיג אַז די טראָקס זאָלן פאָרן אָן קיין שטער צו קענען אָנקומען צו די פאַרמערטע הילפס-רופן אין די דאָזיגע וועטערס.

ספּעציעל שיינט אַרויס דער ספּעציעלער קעמיקאַל וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין די "וואַסער קענס" וואָס ליגט ביי יעדן מצילי אש וואָלונטיר אין קאַר. די וואַסער קאַנעס אַנטהאַלט אין זיך צוויי-און-אַהאַלב גאַלאָן וואַסער מיט אַ שטאַרקן דריק-קראַפט וואָס איז געצילט אַז די וואָלונטירן זאָלן אַלץ האָבן גרייט אין קאַר אַ קוואַנטום וואַסער על כל צרה שלא תבוא.

אינעם ווינטער, ווען די קאַנעס זענען אויסגעשטעלט פאַרפרוירן צו ווערן צוליב וואָס זיי געפונען זיך אין די קאַרס און זענען אויסגעשטעלט צו די גרויסע פרעסטן, האָט מען דעריבער אויסגעשטאַט יעדן מעמבער מיט דעם אַנטי-פריז קעמיקאַל צוריקצוהאַלטן אַז די וואַסער-קאַנעס זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן.

## "מצילי אש" גאָר אַקטיוו אין די שווערע שנייאיגע און גליטשיגע וועטערס

דער היי יעריגער ווינטער-סעזאָן וועלכער האָט אין אָנהויב נישט געצייגט אַז דאָס וועט זיין אַן ערנסטער ווינטער, האָט זיך אָבער אינעם לעצטן חודש אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ גאָר שטורמישער ווינטער מיט אומאויפהערליכע שנייען און געפאַרפולע גליטשן, וואָס אויטאָמאַטיש פאַרמערט דאָס די הילפס-רופן און אַקטיוויטעטן פון "מצילי אש", און ווי ס'שטעלט זיך אַרויס האָבן זיי געשפּילט אַ העפטיגע ראָלע אַרויסצוהעלפן אין די שווערע צושטאַנדן וואָס האָט געהערשט אין שטאָט.

פאָלגנד זענען עטליכע אינצידענטן אין לויף פון די פאַרגאַנגענע שנייען און גליטשן, וואו מצילי אש איז געווען שטאַרק אַקטיוו צו ברענגען די סיטואַציעס אונטער קאָנטראָל.

ביי איין פאַל איז אַריינגעקומען אַ היסטערישן רוף פון אַ באָס דרייווער וואָס האָט אַהיימגעפירט תינוקות של בית רבן שע"י מוסדותינו הק', איבער זיין באָס וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ "דיטש" אין די סעווען ספּרינגס געגנט, וואָס טראָץ אין שטעטל זענען שוין די גאַסן - אפילו אין די ערשטע שעה'ן פונעם שניי - געווען היבש פאַרהעלטניסמעסיג געפּוצט, איז אָבער אין די טאַון ביזדערווייל נישט געווען געהעריג געפּוצט.

דער באָס איז געווען האַלב אָנגעפולט מיט קינדער, ווען עס האָט זיך פאַרקירעוועט אין זייט פון ראָוד אין געבליבן שטעקן היבש שיף אין אַ הויפן שניי, נישט קענענדיג זיך אַ ריר געבן. דער חשוב'ער דרייווער האָט זאָפאָרט גערופן מצילי אש און האָט ביזדערווייל געמאַכט זיכער איז קיינער פון די קינדער זענען חלילה געשעדיגט געוואָרן.

ווען מצילי אש איז אָנגעקומען האָבן זיי צוערשט אָפּגעשלאָסן דעם גאַנצן ראָוד, אויסזאָרג אַז אויטאָס וועלן אַריינגליטשן אינעם באָס ח"ו. דערנאָך וואָס זיי האָבן פעסטגעשטעלט אַז די סיטואַציע איז אונטער קאָנטראָל און ס'הערשט נישט קיין געפאַר, האָבן זיי פאַראָרדנט אַז מ'זאָל נישט אויסלעשן די מאָטאָר פונעם באָס, און די קינדער זאָלן בלייבן זיצן אינעם וואַרעמען באָס ווילאַנג מען וועט טרעפן אַן אַנדערע וועג זיי אַהיימצופירן.

דאָ זענען געקומען צוהילף די טייערע "חברים" וואָלונטירן וואָס האָבן מיט עטליכע גרעסערע אויטאָס אַהיימגעפירט די קינדער צו זייערע היימען, און דערנאָך געאַרבעט אַרויסצושלעפּן די באָס פונעם "דיטש".

*

אין אַן אַנדערן פאַל איז אַריינגעקומען אַ רוף פון די ראָוונע גאַס ווען אַן אויטאָ-טרייבער האָט באַמערקט אַ עלעקטריק-שטאַנג איז אויסגעלייגט אויפ'ן ראָוד, וואָס האָט געקענט ח"ו אַריינלייגן דורכפאָרער און פאַרבייגייער אין אַ סכנה. מצילי אש איז געווען ביי דער סצענע נאָך איינינגע סעקונדען, און זענען געווען שאָקירט צו זען אַז די סכנה איז פיל גרעסער ווי פריער באַמערקט, ווען דערנעבן פונעם שטאַנג איז געווען קענטיג דעם או-ענד-אר גרינעם קעסטל אינגאַנצן צע'מזיק'ט מיט פילע אָפענע היי-וואָלט דראָטן, וואָס קען ח"ו עקספּלאָדירן יעדע ליאַדע מינוט. ווייזט אויס אַז דאָס קעסטל איז אין רעזולטאַט פונעם אַראָפּפאַלנדן שטאַנג צע'מזיק'ט געוואָרן.

מצילי אש האָט צוערשט אַרומגענומען דעם אָרט מיט זיכערהייט בענדלעך, און פאַרזיכערט אַז קיינער זאָל נישט צורירן צום קעסטל, און גערופן או-ענד-אַר, זאָל דאָס קומען פאַררעכטן ווי אַמשנעלסטן.

אַזוי אויך איז אַריינגעקומען נאָך עטליכע רופן פון עטליכע ריכטונגען אינעם שטעטל, וואו ביימער זענען געפאַלן אויף עלעקטריק דראָטן צוליב די שווערע ווינטן און שנייען, וואָס מצילי אש האָט אין דער ערשטער געלעגנהייט קאָאָרדענירט מיט או-ענד-אַר, אַז זיי זאָלן דאָס פאַררעכטן און פאַרמיידן פאַטאַליטעטן ח"ו.

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376

# מצילי אש אפטיילונג



# וויכטיגער שמועס מיט מצילי אש טשיף

**אַזיווי לעצטנס זענען פאַרמערט געוואָרן "קאָך-פייערן", און מצילי אש איז שטאַרק פאַרנומען מיט לעשן אַזעלכע סאָרט פייערן, קלענערע ווי גרעסערע, דעריבער האָט די רעדאַקציע אָפּגעהאַלטן אַ שמועס מיט'ן חשוב'ן געטרייען מצילי אש טשיף הר"ר יושע בלומענטאל הי"ו, וועלכער האָט אונז איבערגעבן אייניגע פונקטן וואָס זענען גאָר וויכטיג פאַר יעדן תושב צו וויסן, וואָס וועט האָפנטליך פאַרמינערן אַזעלכע אינצידענטן און ראַטעווען אידישע פאַרמעגן בס"ד**

צום ערשט, איידער מיר פאַנגען אָן מיט'ן עצם שמועס, איז גוט צו וויסן צוויי אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיקס: 1) דער סטאַטיסטיק צייגט, אַז אַ גרויסע פראָצענט פון פייערן אין שטוב פאַסירן אין קאָך. 2) רוב פייערן וואָס פאַסירן אין קאָך זענען די פאַטאַליטעטן פילפאַכיג מער ווי ווען דער פייער וואָלט פאַסירט אַנדערש-וואו.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? זייער איינפאַך. אין קאָך זענען סטאַנציאָנירט דער אויוון, גאַז און נאָך קאָכן-עלעקטעריק געציייגן, וואָס דער סך הכל איז אַז דער פייער האָט מער אַ מעגליכקייט צו שנעל צו פאַרשפרייטן ווי סיי וועלכן אַנדערן צימער אין שטוב, און צוליב וואָס געוועגליך אין קאָך דרייט מען זיך כסדר איז די סכנה פילפאַכיג גרעסער.

דעריבער איז גאָר פאַרשטענדליך אַז אַ מיטל צו פאַרמינערן די סכנה פון אַ פייער אין קאָך, איז נישט צו האַלטן די פאַמיליע אָפּגעזונדערט פונעם קאָך און פאַרמיידן זיך צו דרייען דאָרט. אַ קאָך נוצט מען און דאָס איז דאס טאָג-טעגליכע ווירטשאַפט אין יעדן שטוב, און אָן דעם קען מען זיך נישט באַגיין. די ריכטיגע מיטלען צו פאַרמינערן קאָך-פייערן איז ווען מען לערנט זיך אויס וויאַזוי צו זיין פאָרזיכטיג און דורך דעם פאַרמיידן עגמת נפש און געלט-שאָדן.

דערפאַר וועלן מיר דאָ אַראָפּברענגען פאַקטן, און אַביסל געדאַנקען וויאַזוי מען זאָל אַכט געבן ווען מען איז אין קאָך, און ווי אויך ווירקזאַמע עצות און מיטלען על כל צרה שלא תבוא, וויאַזוי צו באַהאַנדלען אַזעלכע פייערס, מיט די ווייניגסטע שאָדנס וואָס מעגליך.

## וואָס מען זאָל יאָ טון און וואָס מען זאָל נישט טון ווען עס פאַסירט אַ קאָך-פייער

קיך-פייערן פאַסירן געוועגליך צוליב די פאָלגנדע 4 סיבות:

1. עסן וואָס מען לאָזט קאָכן צו לאַנג און עס ווערט פאַרברענט, ביז דער גאַנצער טאָפּ פלאַמט אויף.
2. עסן, אויל אָדער פעטנס וכדו', וואָס רינען איבער פונעם טאָפּ אַראָפּ אויפ'ן גאַז און עס פלאַמט אויף.
3. דורך גאַז-רענטשעס אָדער אויוונס וואָס זענען שוין נישט אין אַ גוטן צושטאַנד.
4. דורך זאַכן וואָס ליגן נאָענט צום גאַז-רענטש, און כאַפּן זיך אָן אינעם פייער, ווי למשל, האַנטוכער, פלאַסטיק עסצייג, א.ד.ג.

מען דאַרף געדענקען, אַז ביי די דאָזיגע פעלער, גענוי ווי ביי יעדן פייער, אויב ברענגט מען נישט גענוג פרי דעם פייער אונטער קאָנטראָל, דאַן וועט די געלט שאָדנס זיין זייער גרויס, און חלילה קען עס אויך זיין פאַטאַל אויב נפשות ווערן געשעדיגט.

דעריבער מוז מען לייגן אַ הויפט געוויכט אויף דעם אַז אינפאַל עס פאַסירט אַזעלכע פייערן איז דאָס וויכטיגסטע אַז דער פייער זאָל ווערן פאַרלאָשן ווי אַמשנעלסטן. אין אַלגעמיין ווען אַ טאָפּ מיט עסן דערינען הייבט אָן צו ברענען, דאַרף מען טון דריי זאַכן ביי די ערשטע געלעגנהייט, גיך און געשווינד, ווי פאַרשטענדליך נישט אָנגעצויגן און היסטעריש.

1. אויסלעשן דעם פייער פונעם ברענער.
2. צודעקן דעם טאָפּ מיט אַ דעקל. אויב מען האָט נישט אויף דער מינוט קיין דעקל, איז יעדע זאַך וואָס קען נישט ברענען, גוט. ווי למשל, אַ גענוג גרויסע בעקעלע וואָס קען פאַרדעקן דעם גאַנצן טאָפּ.
3. אַרויסגיין רופן הילף.

עס איז וויכטיג צו באַטאָנען דעם טייל פון גיין רופן נאָך הילף, אַז אין געוויסע פעלער ווען מ'אַנאַליזירט די סיטואַציע און מ'זעט אַז דער פייער איז געכאַפּט געוואָרן גענוג באַצייטנס, דעריבער רופט מען נישט פאַר הילף, (וואָס איז, בדרך אגב, זייער נישט אַ גוטע זאַך, ווייל דער פאַקט איז אַז די פייערלעשער וועלן נאָכ'ן געגצליך פאַרלעשן דעם פייער, זיכער מאַכן פון פילע ווענדפונקטן אַז דער פלאַץ איז שוין זיכער און עס וועט זיך נישט צוריק אָנצינדן, אַ זאַך וואָס אויב איינער איז נישט געלערנט דערויף וועט נישט וויסן וויאַזוי און וואו מען ברויך נאָכקוקן צי אַלעס איז שוין אין אָרדענונג), אַז אין אַזאַ פאַל איז גאָר וויכטיג נישט אַראָפּצונעמען דעם דעקל פונעם טאָפּ איידער דער טאָפּ איז געגצליך אָפּגעקילט, ווייל אויב דער טאָפּ איז נאָך אַביסל הייס דאַן קען דער פייער ווידעראַמאָל אויפפלאַמען וויבאַלד ער האָט זיך אָנגעזאַמלט אָקסיזשען פון די לופט וואָס ער האָט יעצט צובאַקומען.

לגבי אויסלעשן דעם פייער אויף דער אייגענער האַנט, איז דאָ פאַרשידענע עצות און מיטלען וואָס מענטשן טוען, ווי למשל לייגן זאַלץ, מעל, בעקינג סאָדע, מאַנכע נוצן אַ הויפן האַנטוכער צו פרובירן אַזוי צו שטיקן דעם פייער, אָבער מען ברויך צו וויסן אַז די אַלע זאַכן זענען איינגעשטעלט, ווייל נישט טאָן די הונדערט-פראָצענטיגע ריכטיגע שריט אין דער ריכטיגער מינוט, קען זיין פאַטאַל ח"ו, און אויב מען פילט אַז דער פייער איז נישט אונטער אַ פולשטענדיגן קאָנטראָל דאַן זאָל מען באַלד זיכער מאַכן אַז יעדער איז אינדרויסן פון דער הויז, און זאָפאָרט רופן הילף.

פילע פרובירן אין די ערשטע אָנגעצויגענע מינוטן קודם אַליינס צו באַהאַנדלען דעם פייער דורך דעם איינפאַכסטן מיטל, נעמליך צו "גיסן וואַסער". אויסערליך איז דאָך דאָס די גרעסטע רפואה פאַר אַ פייער. אָבער עס איז נישט אינגאַנצן אַזוי. עס איז אַ גרויסע ריזיקע און קען זיין גאָר פאַטאַל. קודם קען דער פייער דורכדעם אויפפלאַקערן וואָס פון דעם אַליין קען מען זיך אָפּבריען, צווייטנס, קען דאָס גורם זיין אַז דער אינהאַלט פונעם טאָפּ זאל אַרויסשפריצן גאָר ווייט, און דאָרט אונטערצינדן אַ פרישער פייער, און אויך איז די שפּריצנדע וואַסער אויסגעשטעלט צו גיין אונטערן טאָפּ און פון די היץ פונעם פייער קען דאָס אַליינס פאָרמירן אַ מאַסשטאַבליכע היץ וואָס זאָל דירעקט פאַרשנעלערן אַז די אינהאַלט פונעם טאָפּ זאל שאַרף עקספּלאָדירן און אַרויסטאַנצן פון טאָפּ נאָך שנעלער. פאַרשטייט זיך אַז גיסן וואַסער הייבט די ריזיקע און סכנה פיל מער.

אָן אַנדערע מיטל וואָס מענטשן טוען ווען אַ טאָפּ ברענט, מען נעמט דעם גאַנצן טאָפּ און מען לייגט עס אינעם סינק, אָדער זענען דאָ אַזעלכע וואָס לייגן דאָס אַרויס אין פאָרטש אָדער אויף דער גאַס. דאָס איז לכתחילה נישט קיין גוטע עצה און עס קען זיך ענדיגן פאַטאַל חלילה. פילע מאָל איז דער טאָפּ זייער הייס, און ווען מען הייבט דאָס אויף בריט מען זיך אָפּ און פאַר גרויס ווייטאָג לאָזט מען אַראָפּ דעם טאָפּ, ווען דאַן קענען פאַסירן צוויי זאַכן.

נומער 1. מען ווערט גוט אָנגעשפריצט פון די ברייעדיגע עסן וואָס ליגט אין טאָפּ. והשנית, גיסט זיך אויס די ברענענדיגע עסן אויף דער ערד וואָס ווי פאַרשטענדליך מיינט דאָס אַ פרישער פייער אויף אַ פרישע פלאַץ. דעריבער נעמט אין אַכט: קיינמאָל זאָל מען נישט אָנכאַפּן אַ ברענענדיגע טאָפּ אָן די ריכטיגע קליידער מיט וואָס די פייערלעשער זענען אויסגעשטאַט. זייט געוואָרנט!

## עטליכע זיכערהייט-פונקטן וויאַזוי זיך אומצוגיין ביים קאָכן

אַצינד וועלן מיר אויסשמועסן עטליכע פונקטן וואָס מ'דאַרף אַכטונג צוגעבן אין קאָך ביים קאָכן, אַז עס זאָלן ח"ו נישט פאַסירן קיין אינצידענטן.

קיינמאָל זאָל מען נישט לאָזן עסן אויפ'ן פלאַם אָן האַלטן אַ נאָענטן אויג דערויף. בשעת'ן קאָכן איז נישט די ריכטיגע צייט צו פאַרברענגען מיט אַנדערע זאַכן וואָס קענען אַוועקנעמען די וואַכזאַמקייט פונעם טאָפּ אויפ'ן פלאַם.

אויב ברויך מען וויכטיג אַוועקגיין פון שטוב, בשעת מען לאָזט עסן אויפ'ן פלאַם, דאַן זאָל מען זיך פאַרשטענדיגן מיט אַ שכנה, אַז זי זאָל אַריינגיין יעדע שטיקל וויילע כאַפּן אַ בליק אויפ'ן טאָפּ, צי אַלעס איז אונטער קאָנטראָל.

פאַרשטענדליך אַז דאָס גילט בלויז ווען עס איז די רעדע אַז מ'פאַרלאָזט די שטוב אָן קינדער דערינען, ווייל אויב בלייבן קינדער אין שטוב מיט'ן טאָפּ אויפ'ן פלאַם גרעניצט זיך דאָס מיט סכנת נפשות, און עס איז נישט גילטיג אַז די שכנה גיט אַכטונג, ווייל אַלע "אומגעווענליכע" זאַכן פאַסירן געוועגליך איין מינוט נאָך וואָס מען האָט אַקאָרשט זיכער געמאַכט אַז אַלעס איז אונטער קאָנטראָל.

אפילו ווען מען איז יאָ אין שטוב, ברויך מען געדענקען עטליכע זאַכן וואָס מען זאָל נישט טון בעת עסן ליגן אויפ'ן פלאַם:

1. באָדן די קינדער איז טאַקע זייער אַ

(פאַרזעצונג אויף זייט 23)

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman

-פובליק ווארקס דעפארטמענט-

# בקשה ואזהרה!

אזוי ווי עס ווערן געהאנגען הונדערטער פלאקאטן אויף די גאסן, און עס לאזט איבער א געוואלדיגע שמוץ, וואס שטערט די ריינקייט און ארדענונג אין שטאט

**דעריבער מעלדן מיר אז עס איז נישט ערלויבט צו הענגען פלאקאטן אויף די גאסן, ספעציעל אויף סטאפ-סיינס אדער טרעפיק סיינס, אזוי אויך אויף ביימער וואס ס'מאכט שאדענס**

**אלע פלאקאטן וואס וועלן געהאנגען ווערן אין די גאסן וועלן אראפגענומען ווערן אין דעם זעלבן טאג**

מיר בעטן די אלע וואס מאכן פארטיס, מסיבות, פארזאמלונגען אדער סעילס, זאלן ביטע צו קענטעניס נעמען!

מיט דאנק

**די פובליק ווארקס דעפארטמענט**

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען פאר תושבי קרית יואל אין פאל פון א שניי

1) מען זאל נישט פארקן די קארס אויף די ראודס אדער אויף די סיידוואקס כדי די שארער טראקס זאלן קענען געהעריג פוצן די שניי.

2) אכטונג געבן ווען מען פוצט אוועק די שניי פון ארום די קאר און פון די דרייוו–וועיס אז מען זאל נישט שליידערן די שניי אויף די ראודס.

3) אכטונג געבן אויף די קינדער נישט צו שטיין נעבן די סיידוואק שארער כדי עס זאל נישט צוקומען ח"ו צו קיין סכנה.

4) אזוי אויך זאל מען נישט לאזן אויף די סיידוואקס קיין גארבידזש קענס, שאוולעך, אדער בייקס וכדומה, ווייל די זאכן ווערן צובראכן פונעם שארער טראק.

5) אין די צייטן ווען די ראודס זענען גליטשיג, זאל מען זיך פארמיידן ווי ווייט מעגליך פון גיין אויף די ראודס, אזוי אויך איז זייער וויכטיג צו גיין מיט "רעפלעקטארס", ווייל עס איז אוממעגליך די קארס זאלן באמערקן די דורכגייער, ספעציעל ביי קארנערס ווען די קארס דרייען זיך און קענען זיך נישט אפשטעלן.

6) יעדער איינוואוינער איז פאראנטווארטליך אויפצושארן די שניי ארום זיין פאסט קעסטל, ביי די ערטער וואו עס איז נישט געפוצט די שניי וועט מען נישט דעליווערן די פאסט.

7) איינוואוינער פון די אויבערשטע שטאקן זאלן אראפהאקן מיט א בעזעם די שטיקער אייז וואס הענגט אראפ פון דאך, ווייל דאס איז אומשטאנד אראפצושלעפן די דרענס פון הויז. (פארשטייט זיך מען זאל אכטונג געבן קיינער זאל זיך נישט געפינען אונטער דעם בשעת מען ברעכט דאס אראפ).

מיט דאנק

**די ווילידזש**

# שמועס מיט מצילי אש טשיף

(פאַרזעצונג פון זייט 21)

וויכטיגע זאַך, אָבער נישט ווען עסן קאָכט זיך אויפ'ן פלאַם. די מציאות צייגט אַז ווען מען איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, ווערט מען זיך געוועגליך פאַררעכענען מיט דער צייט וואָס דויערט אַז דאָס עסן זאָל זיך אָפּקאָכן, און אינצווישן ווערט דאָס עסן פאַרברענט ווערן און די רעזולטאַטן דערפון דאַרף מען נישט אַרויסברענגען.

2. גיין עפּעס נעמען פון אַ שכן "נאָר פאַר איין מינוט" און טאַקע עפּעס אַן עסנוואַרג געברויך וואָס מען וויל צולייגן צום טאָפּ, טאַקע "די מינוט" מיינט גאָר אַסאַך, וואָס אַסאַך וואָלטן געוואָלט אַז די מינוט זאָל נישט פאַראורזאַכן דאָס וואָס האָט שוין ליידער פאַראורזאַכט אינעם עבר. דערפאַר, לאָזט נישט איבער דעם טאָפּ איבער'ן פייער אַליין אָן קיין אויפזיכט פון אַן ערוואַקסענעם אפילו "פאַר איין מינוט".

## העכערער אַלערט-וואַכזאַמקייט ביי גאַז-רענטשעס

עס איז שטאַרק וויכטיג כסדר צו זיין וואַכזאַם און פעסטשטעלן צי דער גאַז-רענטש איז אין אַ גוטער צושטאַנד. אויב עס האָט סיי וועלכער קליינליכער פּראָבלעם, דאַרף מען רופן אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַכמאַן וואָס זאָל מאַכן זיכער אַז אַלעס איז אין אָרדענונג און זיכער צום ניצן. עס קאָסט טאַקע אַפּאָר דאָלער, אָבער נאָך אַלס ביליגער ווי דאַרפן אַלעס איינקויפן פריש נאָך אַ פייער חלילה, אפילו ווען עס איז דאָ אינשורענס.

עס איז גאָר ראַטזאַם צו וויסן, אַז איינמאָל מען האָט געענדיגט קאָכן, זאָל מען אַראָפּנעמען דעם טאָפּ פונעם גאַז-רענטש, וואָס דאָס פאַרזיכערט אַז אפילו אויב איינער וועט בטעות דרייען דעם קנעפּל וואָס וועט אָנצינדן די גאַז, אָדער אויב חלילה אַ קליין קינד האָט עס געדרייט ווען מען האָט נישט באַמערקט, זאָל גאָרנישט זיין אויפ'ן גאַז-רענטש וואָס זאָל זיך קענען אָנכאַפּן אָדער אויפלאַמען.

אַזוי אויך איז גוט צו נעמען אין באַטראַכט, אַז מען זאָל נישט ניצן דעם גאַז-רענטש פאַר אַ סטאָרעדזש, צו לייגן זאַכן דערויף ביז זיי וועלן אָנקומען צום ריכטיגן אָרט, טאַקע פאַר דער זעלבער דערמאַנטער סיבה, אַז אויב חלילה עס פּאַסירט אַ פייער זאָל עס נישט האָבן אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

אַלס עצה טובה קמשמע לן, איז דאָס בעסטע זיך צו באַהיטן פון פייערס, אַראָפּצונעמען די דרייערס פונעם גאַז-רענטש, און דאָס נאָר אַרויפלייגן ווען מען וויל קאָכן. עס איז מעגליך נישט אַזוי באַ'טעמ'ט און פאַרשווערט צומאָל דאָס קאָכן, דאָך לוינט זיך דאָס אַז עס זאָל פאַרמינערן די הויכע פּראָצענט קאָך-פייערן וואָס פּאַסירן ליידער.

נאָך אַ גאָר ווירקזאַמע עצה אין באַצוג צו באַהיטן קינדער פון קומען נאָענט צום גאַז-רענטש, איז צו מאַכן אויף דער ערד נעבן די גאַז-רענטש, אַ צוויי דריי פיס אַוועק, אַ סימן — אַ שטריך וכדו' — וואָס מען זאָל דערויף אָנצייגן פאַר די קינדער אַז דאָס טוט סיגנאַליזירן ביז וואו מ'מעג נאָענט קומען צום גאַז-רענטש, און פון דאָרט און ווייטער טאָר מען נישט גיין. געוויס טוען קליינע קינדער נישט פרעגן וואו יאָ און וואו נישט צו גיין, אָבער חנוך לנער על פי דרכו, אַז מען מאַכט אַ שטיקל סימן און מען טוט דאָס ווידערהאָלן איינמאָל און נאָכאַמאָל וועט מען זיך מיט דער צייט אויסלערנען. און נאָכאַמאָל, נישט איבערלאָזן טעפּ אויפ'ן פייער ווען קינדער זענען אין קאָך אָן קיין ערוואַקסענעם. מען שטעלט אַריין אין סכנה, זיך, די קינדער און אַלע שכנים אַרום.

עס איז אויך פּאַסיג אַרויסצוברענגען אַ וויכטיגן נאָטיץ אַנבאַלאַנגט גאַז-רענטשעס, וואָס זעט אפשר אויס אַביסל קאָמיש, אָבער ערנסטע פּאַטאַליטעטן זענען צו פאַרדאַנקען די פאַרזעעניש.

צומאָל מאַכט זיך אַז קינדער עפענען אויף דעם אויוון-טיר און שטעלן זיך אַרויף דערויף וכדו', וואָס איז זייער שעדליך און האָט שוין געבריינגט פילע עגמת נפש.

וואָס עס קען דאַן פּאַסירן איז עטליכע זאַכן. ערשטנס דער אויוון קען זיך איבערדרייען, און דאָס הייסע עסן אויפ'ן פלאַם קען זיך ח"ו אויסגיסן סיי אויפ'ן קינד און סיי אויף אַרומיגע, וואָס קענען געשעדיגט ווערן אפילו שטייענדיג ווייט, צוליב די עסן וואָס קען שפּריצן ווייט. אויך קען זיך דער גאַז-רער אַרויסרייסן פון אָרט ווען דער אויוון דרייט זיך איבער און דאַן קען חלילה פּאַסירן אַ גאַז-ליעק. דאָס איז אויסער דאָס וואָס אַ קינד קען דורכדעם צוקומען צום פלאַם גרינגערהייט.

דעריבער ברויך מען זייער אַכטונג געבן אויף די קינדער זיי זאָלן נישט טון אַזעלכע זאַכן און ענליכס, און זיי שטאַרק באַוואָרענען דערויף.

## עטליכע פונקטן וואָס איז נויטיג צו וויסן

צוליב וואָס זייער אַסאַך פייער-רופן קומען פון קאָך-פייערן דעריבער וועלן מיר באַרירן עטליכע זאַכן - וואָס איז באמת גילטיג ביי יעדן פייער, עס זאָל נישט פאָרקומען — וואָס איז נויטיג צו וויסן, סיי אין צוזאַמענהאַנג עס זאָל נישט פּאַסירן קיין פייער, און סיי ווען עס פּאַסירט אַ פייער ח"ו, עטליכע נקודות וואיזוי צו האַנדלען אין אַזעלכע שרעקעוודיגע גורל'דיגע מינוטן.

- עס איז לעבנס-וויכטיג אַז יעדעס הויז זאָל פאַרמאָגן אַ "סמאָוק דיטעקטאָר" און ווי אויך אַ "קאַרבאָן מאָנאַקסייד דיטעקטאָר", אַז אין פאַל עס פּאַסירט עפּעס וואָס מען באַמערקט נישט, זאָל זיך דער אַלאַרם צוקלינגען צייטליך און וואָרענען די איינוואוינער איבער די סכנה. עס איז וויכטיג צו טוישן די באַטעריע צוויי מאָל אַ יאָר. עס איז כדאי צו געדענקען דעם סימן וואָס איז אָנגענומען אין די גוי'אישע וועלט צו טוישן די באַטעריען יעדעס מאָל וואָס מען רוקט דעם זייגער, וואָס דאָס איז זייער אַ גרינגער סימן צו געדענקען צו טוישן די באַטעריען.
- אין פאַל עס ברעכט חלילה אויס אַ פייער זאָל מען נישט פאַרברענגען קיין צייט מיט נישטיגע זאַכן. יעדע איינציגע מינוט קען אויסמאַכן. מען זאָל באַלד מאַכן זיכער אַז יעדער איז אינדרויסן פון הויז, און רופן הילף. ביי אונזער פאַל איז דאָס דער הצלה נומער 783-1212, וועלכע וועט באַלד אַראָפּשיקן עטליכע וואָלונטירן צו די סצענע און מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף סוקסעספול ברענגען דעם פייער אונטער קאָנטראָל.
- מען זאָל קיינמאָל נישט צוריקגיין אין הויז אַרויסצונעמען וויכטיגע זאַכן (וואָס ביי מאַנכע מיינט דאָס חתונה בילדער, אָבער אפילו עס איז באמת וויכטיגערס פון דעם). גאָרנישט איז וויכטיגער פון דעם אייגענעם געזונט און לעבן.
- עס איז זייער געראָטן אַז יעדע פאַמיליע זאָל דעזיגנירן אַ ספּעציעלע אָרט אין די גאַס, אַ פּלאַץ וואָס זאָל דינען אַלס מקום פּליטה אין פאַל פון סיי וואָספאַראַ אומאויסגערעכנטע סיטואַציע, און וואָס עס זאָל נאָר פּאַסירן, ווען מ'דאַרף אַרויסלויפן פון הויז, זאָל זיך דאָרטן יעדער צונויפטרעפן, וואָס דאָס קען פאַרמיידן אַסאַך אומאַנגענעמליכקייטן, ווי איבערצייגט אינעם עבר.
- אין אַ זייטיגן נאָטיץ איז וויכטיג נאָכאַמאָל צו דערמאַנען אַז מ'זאָל זען צו פאַרמאָגן "היים אינשורענס". עס קאָסט נישט קיין סך, אָבער אין פאַל ווען עס האָט שוין יאָ עפּעס פּאַסירט, קען דאָס מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף גאָר שטאַרק פאַרלייכטערן דעם מצב.

דאָס איז אַלעס השתדלות אָבער דער עיקר טאָר מען נישט פאַרגעסן: "אם השם לא ישמור עיר שוא שקד שומר". מען דאַרף געדענקען צו האַלטן אינאיין בעטן דעם הייליגן באַשעפער אַז ער זאָל האַלטן די רעכטע האַנט אויף אונז, אויף אונזערע קינדער און אויף אונזער פאַרמעגן.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road, Suite 401 Monroe, NY 10949 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

בס"ד

**באס טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען**

**ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:**
**גיבט אכטונג אויפ'ן זיכערהייט פון אייערע קינדער!**

**עלטערן דארפן וויסן אז:**

- ווען מען באגעגנט זיך מיט א סקול באס וועמענ'ס רויטע לעמפלעך בלינקען, **מוזן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן אוןווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** מען דארף זיך אפשטעלן גענוג ווייט אז די קינדער זאלן קענען אדורכגיין זיכערערהייט. דער געזעץ איז נישט קיין קינדער שפיל נאר געצילט צו פארמיידן פון א סכנה! נעמט אין אכט אז מ'קען זיך רח"ל שפילן מיט'ן לעבן פון טייערע אידישע קינדערלעך!
- **אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.** **די דרייווערס זענען אנגעזאגט געווארן נישט אויפצונעמען א קינד וואס לויפט נאך דעם באס.**
- ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי און אפווארטן ביים אהיימקומען.
- ווען מען רופט אריין מאכן א טויש פאר א קינד'ס סטאפ, מאכט שפעטער זיכער אז דאס קינד איז טאקע אנגעקומען אויפ'ן נייעם פלאץ וואו איר האט געהייסן אים שיקן.

**עלטערן דארפן אנזאגן די קינדער אז:**

- ווארטנדיג אויפ'ן באס טאר מען נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, און זיכער נישט אויפ'ן ראוד חלילה.
- ווען דער באס קומט אן צום באס סטאפ, טאר מען נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א גענצליכער אפשטעל און עפנט די טיר.
- ווען מען קראָסט אריבערצוגיין צום באס, מוז מען גוט קוקן פון אלע זייטן צי עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).
- אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, טאר מען עס בשום אופן נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס [און דאס איז פונקט אזוי וויכטיג פאר די עלטערן זעלבסט].
- ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פארנט פונעם באס אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער'ס אויגן - און אזוי וועט דער דרייווער דיך אויך קענען זען.
- ווען מען קומט אהיים פון חדר/סקול מוז מען קודם אריינקומען אין שטוב זאגן אז מען איז אהיימגעקומען, און דערנאך קען מען צוריק ארויסגיין זיך שפילן.

**חוסו נא על עוללינו וטפינו!!**

**- טראנספארטאציע נומערן -**

**טראנספארטאציע אפיס**
(נישט פאר עמוירדשענסי)
**782-3687**

**סקעדזשול אינפארמאציע**
ת"ת ובית רחל - **(845) 414-0099**
שערי חמלה - **782-7510 #282**

**עמוירדשענסי נומער**
(צב"ש א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים)
**782-2300 EXT 123**

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
TRANSPORTATION DEPARTMENT

# וויכטיגער רוף און אויפפאדערונג

אזויוי עס קומען אריין קאמפלעינט'ס איבער דרייווערס וועלכע
פארן אריבער סקול-באסעס בשעת די רויטע סטאפ-לייטס זענען אנגעצינדן

**ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה!

## אריבערפארן א סקול באס ווען די רויטע לייטס בלינקען איז אומלעגאל

**און מען קען פארלירן די לייסענס בלויז פארן פארלעצן דעם דאזיגן געזעץ!**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש
**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# פאבליק סעיפטי ווינקל

## צוויי רויבעריי אינצידענטן אין שטאט פאָדערט מער וואַכזאַמקייט פון די איינוואוינער צו באַהיטן ווערדפולע פאַרמעגנס

אומלעגאַלער פאַרשוין באַרויבט אינמיטן דער נאַכט טייערע חפצים פון 15 אויטאָס

### פאָליציי דעטעקטיוון, מיט הילף פון "קרית יואל פובליק סעיפטי", קומען אויף די שפורן פון דעם פאַרברעכער

מיט עטליכע וואָכן צוריק, אין איינע פון די נעכט, האָט פאַסירט אַ רויבעריי אינצידענט, ווען אַן אומלעגאַלער פאַרשוין האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון די שטאָט און דורכגעפירט מאַסן גניבות פון פאַרקירטע קארס, ווען ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען גאָר טייערע און ווערדפולע חפצים, און דערמיט געמאַכט פליטה.

דער אינצידענט האָט פאַסירט טיף אינמיטן די נאַכט, ווען דער פאַרברעכער האָט מיט געניטשאַפט אויסגעמיטן פרעמדע אויגן, און אַזוי באַוויזן זיך אַריינצובאַקומען זיך אין אַזויפיל ווי 15 (!) קאַרס לענגאויס דעם שטעטל. וואו ער האָט נאָר אָנגעטראָפן אַן אומפאַרשפאַרטע קאַר, האָט ער דערין געמאַכט אַ גרינטליכע בדיקת חמץ אויף אַלע טייערע חפצים וואָס די קאַר האָט דאַן באַזיצט.

די באַטרעפנדע אייגנטימער האָבן זיך צופרי דערוועקט צו אַן אומגעוועגליכע ערשיינונג, ווען זיי האָבן באַמערקט אַז אומגעוואונטשענע באַזוכער האָבן דאָ אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אינעם נאָרוואָס-פאַרלאָפענער נאַכט.

די פובליק סעיפטי איז באַלד אַלאַרמירט געוואָרן וועלכע האָבן דאָס תיכף אויך געמאָלדן פאַר די סטעיט פאָליס און עס האָט זיך פאָרמירט אַ געיעג נאָך דעם פאַרברעכער. מען האָט פאַרמאָגט געוויסע פינגער-אָפדרוקן און אַנדערע שפורן, וואָס האָבן געגעבן אַ שטיקל בילד צו קענען אַרויפקומען אויף די אידענטיפיקאַציע פונעם פאַרשוין און דערווישן דעם פאַרברעכער.

ענדליך, נאָך עטליכע שטונדן, איז מען - נאָך אַ סוקסעספולע זוך-אַקציע - געקומען אויף זיינע שפורן. סוף גנב לתליה. דער פאַרשוין איז אין די פאָליציי סטאַנציע אידענטיפיצירט געוואָרן אַלס דער פאַרברעכער פון די קאַר גניבות. דער פאַרשוין האָט דערנאָך אָנגעוויזן גענוי וואו די געפלינדערטע חפצים ליגן.

די באַטרעפנדע קאַר-אייגנטימער האָבן ב"ה פריי אָפּגעאָטעמט ווען זיי זענען ערשינען אין פאָליציי סטאַנציע וואו מען האָט זיי צוריקגעגעבן זייערע גע'גנב'עטע חפצים, לויט די אָנגעגעבענע סימנים.

לויט וויאַזוי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט האָט די גניבה אַנטהאַלטן אַ סך הכל פון ריזיגע סומעס געלט, ממון ישראל, דערינען טייערע דזשי-פי-עס', קאמעראס, טייערע געצייגן און קאָסטבאַרע עקוויפמענטס, און אויך אַ היבש ביסל קעש געלט.

## וויטאָגליכע גניבה פון צירונגען אין ווערד פון אַריבער $10,000 דורכגעפירט דורך ערלית אינמיטן העלן טאָג

אינטענסיווע זוך-אַקציע אונטערגענומען צו דערגיין אירע שפורן

גאָר אַ וויטאָגליכע גניבה-אינצידענט האָט זיך אָפּגעשפילט אין די פאַרגאַנגענע וואָכן, וואָס נישט בלויז דער עצם וויטאָג אַז אַ מאַסיווע גניבה פון צירונגען געשאַצט אויף אַ ווערד פון אַריבער 10,000 דאָלאַר האָט באַטראָפן אַ טייערע פאַמיליע פון אונזער שטאָט, איז נאָך דערצו גרויס דער שאָק אַז דאָס האָט געקענט פאַסירן אין סאַמען העלן טאָג, אין צענטער פון שטעטל, אַ זאַך וואָס האָט גענצליך נישט אָפּגעהאַלטן די ערלית דורכצופירן די שאַנדפולע רויבעריי.

דער אינצידענט האָט פאַסירט אין איינע פון די טעג ווען אַן ערלית, (אָנגעבליך, לויט די שאַצונגען פון די פאַמיליע, אַ רוימערקע וואָס האָט דאָרט גערוימט אַ טאָג בעפאָר) איז ערשינען ביי דעם הויז, געבריינגט דורך אַ קאַר וואָס אַ צווייטע ערלית האָט געדרייווט, און איז אַריין אין שטוב וואָס איז נישט געווען פאַרשלאָסן מיט'ן שלאָס, און צאַמגעזאַמלט צירונגען פון כל הבא לידה, גאָר טייערע און ווערדפולע, אַזוי אַז בסך הכל האָט זי עספּיעט אין די פאָר מינוטן צו לקח'ענען די ווערד פון 10,000 דאָלאַר.

ווען די הויז אייגנטימער זענען ערשינען אין שטוב, איז די ערלית שוין לאַנג געווען פאַרטיג מיט איר גניבה, ווען דאַן האָבן זיי אויפגעכאַפּט אַז ווירקליך, אַ מאַסיווע גניבה איז דאָ אין די פאַרגאַנגענע מינוטן דורכגעפירט געוואָרן.

די גניבה האָט אַלעמען געכאַפּט אין שאָק, נאָכדערצו ווען מען האָט נישט געהאַט קיין שום אידענטיטעט פון איינעם וואָס האָט דאָס געקענט דורכפירן. דאָס איז געווען אין צייט ווען דאָס הויז איז געווען ליידיג און קיין שום אַרבעטער אָדער ערלית איז נישט געווען באַשטעלט צו זיין דאָרט די שעה.

די פובליק סעיפטי מיט די סטעיט פאָליס האָבן זיך גלייך איינגעשפּאַנט צו דערגיין און נאָכפאָלגן יעדן מעגליכן שפור, צו קענען אידענטיפיצירן דעם פאַרברעכער.

לויט ווי די פאַמיליע האָט פעסטגעשטעלט איז דאָס וואַרשיינליך געווען די אַרבעט פון אַן ערלית וואָס האָט דאָרט געאַרבעט אַ טאָג בעפאָר, דעריבער האָט מען זיך באַצויגן אויף די אינפאָרמאַציע, נישטערנדיג אויף אַלע פראָנטן צו דערגיין אירע שפורן, אַ זאַך וואָס מען האָט ביזדערווייל נישט געקענט דערגיין.

מען האָפט אז דורך פילפאַכיגע פאַרשטערקערטע כוחות ווען מען ענדגילטיג דערווישן די וואָס האָבן דאָס דורגעפירט, און דורכדעם קענען בעז"ה צורקקערן פאַר די באַטרעפנדע פאַמיליע זייער מאַסיוון שאדן.



## אַ וואָרט פונעם ווילידזש פובליק סעיפטי טשיף, אין ליכט פון די לעצטיגע גניבה אינצידענטן

עס איז זייער וויטאָגליך די טעמע פון די צוויי לעצטיגע מאַסיווע גניבות לענגאויס די שטאָט, אָבער מער וויטאָגליך וועט זיין אַז מען וועט נישט אינפאָרמירן דעם עולם עטליכע איינצלהייטן איבער וויאַזוי מען קען זיך באַהיטן אַז אינעם עתיד זאָל נישט פאָרקומען אַזעלכע ענליכע אומאַנגענעמליכקייטן.

ווי שוין באַזונדער באַריכטעט איז פאָרגעקומען לעצטענס צוויי גניבות, איינס אין די טאָג-שטונדן און דאָס צווייטע אין די נאַכט-שטונדן. צום ערשט וועלן מיר איבערגעבן עטליכע פונקטן איבער די נאַכט גניבה, וואו אַן ערל האָט באַוויזן צו גנב'ענען טייערע אַרטיקלען פון אַזויפיל ווי 15 קאַרס פון קרית יואל'ע משפחות.

נומער 1 איז וויכטיג צו באַטאָנען פאַר קאַר אייגנטימער, אַז דעם קאַר טאָר מען נישט לאָזן אָפן איבער דער נאַכט. מען ברויך דאָס פאַרשליסן יעדע נאַכט באַזונדער. טראָץ וואָס עס איז פאַר גאָר אַסאַך מענטשן אַ דבר פשוט און איבריג צו דערוועהנען, פאָרט, טו איך באַרירן דעם פונקט, ווייל ווי מען האָט יעצט פעסטגעשטעלט האָט דער פאַרשוין געטראָפן אַ שיינע צאָל 'נישט-פאַרשלאָסענע' קאַרס וואו אַדורכצופירן זיינע מעשים מיט סוקסעס. דעריבער זאָל יעדער דאָס נעמען אין אַכט און פאַרשליסן דעם קאַר יעדע נאַכט.

והשנית, מענטשן טוען צוליב זייערע פולע טירדות טיילמאָל נישט אינאַכט נעמען וואָס זיי פאַרמאָגן אַלס אין קאַר, און נאָכמער, אפילו מען ווייסט יאָ וואָס מען לאָזט איבער אין קאַר, האַלט מען נישט גענוי חשבון וואו די זאַכן ליגן. מען געדענקט נישט צי מען האָט יאָ אַריינגעטראָגן אין שטוב די פאַקעט בוק, צי נישט; האָב איך אָפּגעטראָגן דעם טייערן חפץ צו יענעם אין שטוב, צי איך האָב דאָס נאָך אין קאַר. וכהנה וכהנה טוען מענטשן פאַרלירן חשבון וואו זאַכן ליגן, וואָס דאָס פירט אַז אַסאַך גניבות ווערן דורכגעלאָזט בשתיקה און קיינער קימערט זיך נישט דערויף, וויבאַלד מען איז נישט זיכער אַז די חפצים זענען בכלל געווען אין קאַר.

דעריבער איז וויכטיג אַז מען זאָל האַלטן אַ גענויע חשבון וואָס מען האַלט יאָ אין קאַר און וואָס נישט. דאָס איז מער ווי פאַרשטענדליך אַז טייערע חפצים טאָרן בכלל נישט פאַרנעמען אַן עמטליכע אָרט אין אַ קאַר.

*

לגבי די בייטאָג גניבה, וואו אַ פאַמיליע איז ליידער באַרויבט געוואָרן מיט פילע צירונגען אין ווערד פון צען-טויזנט דאָלאַר, איז וויכטיג אָנצודייטן עטליכע פונקטן וואָס וועט האָפנטליך מינימיזירן די מעגליכקייט פאַר די פאַרשוינען דורצוכפירן זייער שטיק.

1. צום ערשט איז וויכטיג נאָכאַמאָל צו דערמאַנען, אַז הגם מיר וואוינען ב"ה אין אַ אידיש-באַוואוינטע שטאָט, פאָרט קען מען קיינמאָל נישט זיין פאַרזיכערט פון פרעמדע דרויסנדיגע אַריינדרינגער, און לויט ווי ס'האָט זיך שוין אומצאָליגע מאָל אַרויסגעשטעלט, זענען אַסאַך גניבות דורכגעפירט געוואָרן צוליב לאָזן אָפן דעם שלאָס פון דער טיר דורכ'ן טאָג. מענטשן כאַפּן זיך נישט און מען רעדט זיך איין אַז מען גייט אַוועק בלויז פאַר אַ קורצע ווייל; עס איז דאָך אינמיטן טאָג, טאָ וואָס קען שוין שאָטן. זאָל אָבער דער נאָרוואָס-אָפגעשפילטער אינצידענט זיין אַ לעקציע אז מען זאָל אינעם עתיד זיין מער וואַכזאַם "קיינמאל נישט לאָזן אַ טיר מיט'ן שלאָס אָפן, אפילו אינמיטן טאָג!"

2. דערנאָך מוז מען נעמען אין אַכט, אז אין יעדן פאַל עס פאַסירט אַ גניבה איז דער וויכטיגסטער אַרטיקל אין דער זוך-אַקציע סיי וועלכע סאָרט אידענטיפיקאַציע פון דעם אָנגעבליכן רויבער. דעריבער איז גאָר ראַטזאַם פאַר יעדן וואָס פאַרמאָגט אַן ערלית אין שטוב, אז מען זאָל האָבן אַ קאָפּיע פון איר פאַספּאָרט אָדער איי. די. וואָס דאָס קען אין אַזעלכע פעלער פאַרשפּאָרן פיל קאָפּ-ווייטאָג און עגמת נפש, און געוויס שנעלער צוריקקערן ממון ישראל צו זייערע אייגנטימער.

3. אין יעדער אידישער שטוב געפינט זיך גאָר ווערדפולע חפצים און צירונגען פון אַלע סאָרטן, דעריבער איז נישט געוואונטשן אַז די צירונגען זענען פלאַצירט אין איינפאַכע שאַכטלעך און לעדלעך. עס מוז ווען סאָרטירט אין מער אָפּגעהיטענע פלעצער. גענוי ווי קיינער וועט נישט לאָזן אַ גרויסע סומע קעש געלט זיך וואַלגערן אין לעדלעך און אין שאַפעס, אָן אַ שטרענגען אויפזיכט.

דעריבער איז די מערסטע ראַטזאַם אַז מען זאָל אינסטאלירן אַ דויערהאַפטיגן אינסטאָלירטן "סעיף" אויף אַ גוטן אָרט, און דאָרט זאָל סאָרטירט ווערן די צירונגען בעת מען נוצט עס נישט. עס איז פיל ביליגער צו צאָלן איינמאל 2-3 הונדערט דאָלער, ווי איידער טייערע שווערע פאַרמעגנס זאָלן זיך וואַלגערן אָן אַ קאָנטראָל און זיין אויסגעשטעלט צו גניבות!

לאָמיר האָפן אַז דורכדעם וואָס מיר וועלן טון פון אונזער זייט צו חס זיין על ממון ישראל, וועט השי"ת אָפּהיטן אונז און אונזערע פאַרמעגן פון יעדן שאָדן און גניבה. אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר!

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**- קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט -**

# מודעה חשובה!

## דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער, אז אונזער "פאספארט אפטיילונג" שטייט גרייט אייך צו באדינען מיט אלע אייערע

# פאספארט געברויכן אויפ'ן פלאץ

## אין אפיס פון די ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט אין שאפינג סענטער

פאלגענד זענען עטליכע וויכטיגע אנווייזונגען ווען איר אפלייעט פאר א פאספארט:

- ביטע מיטברענגען בוירט סערטיפיקעט, סאשעל סעקיורעטי קארד און א פיקטשער איי די, (עס איז ראטזאם מיטצוברענגען אלע אידענטיפיקאציע דאקומענטן).
- די וואס האבן שוין אמאל געהאט א פאספארט, דארפן אויך מיטברענגען דעם אלטן פאספארט.
- פאר קינדער וואס פארמאגן נישט קיין פיקטשער איי די, דארף מען מיטברענגען א פיקטשער איי די פוןביידע עלטערן, ווי אויך דארפן ביידע עלטערן אראפקומען פערזענליך.
- דאס געלט פאר די סטעיט דעפארטמענט דארף באצאלט ווערן דורך טשעק אדער מאני ארדער.
- פאספארט בילדער ווערט געמאכט אויפ'ן פלאץ.

## – פאספארט פרייזן –

| U.S. Passport Book | **Passport Fee** Payable to Department of State | **Execution Fee** Payable to Acceptance Facility | **Total First-Time Applicant Fee** |
|---|---|---|---|
| **Adults** First Time (age 16 and over) | $110 | $25 | **$135** |
| **Adults** Renewal (Applying with DS-82) | $110 | $0 | **$110** |
| **Minors** (under age 16) | $80 | $25 | **$105** |

| U.S. Passport Card | **Passport Fee** Payable to Department of State | **Execution Fee** Payable to Acceptance Facility | **Total First-Time Applicant Fee** |
|---|---|---|---|
| **Adults** First Time (age 16 and over) | $30 | $25 | **$55** |
| **Adults** Renewal (Applying with DS-82) | $30 | $0 | **$30** |
| **Minors** (under age 16) | $15 | $25 | **$40** |

## דער פאספארט אפטיילונג איז אפן אין די פאלגנדע זמנים:

מאנטאג ביז דאנערשטאג: פון 10:00 פארמיטאג ביז 4:00 נאכמיטאג

פרייטאג: פון 10:00 ביז 11:00 פארמיטאג

## פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס: 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק

**דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# מלכות'דיגע אויפנאַמע פאַר גאָווערנאָר ענדרו קאָומאָ יר"ה

(פאָרזעצונג פון זייט 3)

האָרעוואַניע, און דער רבי זי"ע האָט דאַן באַפוילן צוצושטעלן אַ פייערליכן קבלת פנים פאַר'ן גאָווערנאָר יר"ה, אים אַרויסצואווייזן דעם טיפן הכרת הטוב.

דער איצטיגער באַזוך פונעם היינטיגן גאָווערנאָר האָט אויפגעברענגט זכרונות פון יענע טעג, בהלו נרו פון מרן רביה"ק זי"ע על ראשינו, וואָס איז זיכער אַז ער שעפּט נחת בגנזי מרומים, אינאיינעם מיט'ן מייסד הקרי' מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, ביים זען וויאַזוי די שטאָט איז אויסגעוואַקסן אַלס קרוין פון "מלכות סאַטמאַר" און דאָס יהדות החרדית, אשר ממנו יתד וממנו פינה פון כל הקדוש והיקר ביי כלל ישראל.

## גאָווערנאָר ערשיינט אין קרית יואל

נאָך לאַנג איידער דער גאָווערנאָר האָט אַריינגעטרעטן אין די גרעניצן פון קרית יואל האָבן זיך אָפּגעטון העפטיגע הכנות פאַר'ן באַזוך. ספּעציעל האָט די באַרימטע און אחריות'דיגע "פּאַבליק סעיפטי" פון קרית יואל קאָאָרדינירט אינאיינעם מיט'ן גאָווערנאָר'ס זיכערהייט אַגענטור, אויסצואַרבעטן אַלע דעטאַלן פונעם באַזוך, סיי פון אַ לאָגיסטישן שטאַנדפּונקט און סיי פון אַ זיכערהייט שטאַנדפּונקט. זיי האָבן צב"ש געוואָלט וויסן פון פאָראויס וועלכע גאַסן דער גאָווערנאָר גייט אַדורכפאָרן; ווער ס'גייט זיין אָנוועזנד ביי די אויפנאַמע; אא"וו יעדן פרט ופרט.

זונטאָג פ' וירא נאָכמיטאָג איז דער גאָווערנאָר ערשינען אין קרית יואל, וואו ער איז דורכגעפאָרן עטליכע צענטראַלע גאַסן און באַטראַכט מיט אינטערעסע וויאַזוי די שטאָט וואַקסט און בליהט ב"ה לשם ולתפארת.

ביים אָנקומען פאָרנט פון ביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א אויף צאַנז קאָורט איז דער גאָווערנאָר אַנטפאַנגען געוואָרן דורכ'ן אַלעמען-באַליבטן ראש הקהל וראש העיר, הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, און איז דאַן אַריינגעפירט געוואָרן בכבוד גדול צום ספּעציעלן פראַכטפולן "אויפנאַמע צימער" וואָס געפינט זיך בביתו נאוה קודש, ספּעציעל דעזיגנירט פאַר אַזעלכע סאָרט געלעגנהייטן.

אינעם אויפנאַמע צימער איז געווען צוגעגרייט אַ רייך-געדעקטער טיש מיט געשמאַקע פאַרבייס און צוגעהערן אויף אַן עלעגאַנטן פאַרנעם, וואָס פּאַסט לכבודה של מלכות. ביים אַריינקומען אין צימער האָט דער גאָווערנאָר זיך באַגריסט מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א און מיט די אָנוועזנדע, ווען אויסער הנהלת קרית יואל זענען אויך אָנוועזנד געווען פאָרשטייער פון אַלע סאַטמאַרער קהילות ומוסדות אין גרעיטער ניו יאָרק, וועמען עס קומט אויס צו אַרבעטן מיט די סטעיט רעגירונג ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און זענען יעצט אַרויסגעקומען קיין קרית יואל ספּעציעל אָפּגעבן דעם כבוד הראוי און הכרת הטוב פאַר'ן גאָווערנאָר און זיין שטאַב.

## רבינו שליט"א באַדאַנקט גאָווערנאָר פאַר שיצן ברית מילה כהלכתה און פאַר'ן דורכפירן דעם גאר וויכטיגן TAP פּראָגראַם

באַלד אין אָנהייב האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס מיט'ן גאָווערנאָר, אין וועלכן דער רבי שליט"א האָט צוערשט דערציילט זיינע זכרונות פון יאָרן צוריק, ווען אביו הגדול רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האָט פיל גע'שתדל'ט ביים גאָווערנאָר'ס טאַטע, ווי דערמאַנט, און דער רבי שליט"א האָט אַרויסגעברענגט דעם טיפן הכרת הטוב וואָס אביו הגדול האָט געשפּירט צום פריערדיגן גאָווערנאָר קאָומאָ פאַר'ן זיך נישט דערשרעקן פון אַלע אַטאַקעס, מבית ומבחוץ, און טון אַלעס וואָס מעגליך צו העלפן די ליכטיגע ספּעציעלע קינדערלעך דערגרייכן וואָס ס'קומט זיי; אַ ריינעם אויסגעהאַלטענעם אידישן חינוך, געטנוי ווי זייערע געשוויסטער באַקומען.

דערנאָך האָט דער רבי שליט"א באַזונדער אויסגעדרוקט אַ האַרציגן דאַנק פאַר'ן גאָווערנאָר אַז ער האָט אָנגענומען און דורכגעפירט די צוויי בקשות וואָס דער רבי שליט"א האָט אים געהאַט פּערזענליך געבעטן געטנוי מיט 4 יאָר צוריק, בעפאָר ער איז געלאָפן דאָס ערשטע מאָל אַלס גאָווערנאָר: 1) נישט זיך לאָזן פאַרפירן פון די געמיינע העצער און חלילה נישט לאָזן די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט טשעפּען די מעגליכקייט פון דורכפירן ברית מילה כהלכתה און מציצה בפה, אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי כלל ישראל פירט שוין אַדורך טויזנטער יאָרן; 2) דאָס איינפירן דעם היינט-באַרימטן TAP פּראָגראַם, פון וואָס טויזנטער ניו יאָרקער עלטערן וואָס האָבן בחורים אין ישיבות האָבן שוין גענאָסן און וועלן ווייטער געניסן, און וואָס האָט ממש געראַטעוועט מערערע ישיבות אין ניו יאָרק אין די שווערע עקאָנאָמישע צייטן אין וועלכע מיר געפינען זיך ליידער.

## אויפטריט פונעם ראה"ק וראש העיר און סאַטמאַרער ראשי הקהלה איבער נ.י.

דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט דער ראש הקהל וראש העיר, הרה"ח ר' אברהם ווידער, וועלכער האָט מיט זיין האַרציגן שטייגער אַרויסגעברענגט דעם יישר כח וואָס תושבי קרית יואל בפרט און חסידי סאַטמאַר בכלל געבן אָפּ פאַר'ן גאָווערנאָר, וועלכער שטייט אַלעמאָל צו דער רעכטער האַנט פון די אינטערעסן פון חרדי'שע אידן.

באַזונדער האָט ר' אברהם אַרויסגעברענגט פאַר'ן גאָווערנאָר אַ רייע בקשות און פאַרלאַנגען וואָס קרית יואל בעט פון די סטעיט רעגירונג, סיי מיט אַרויסהעלפן אין קריטיש-וויכטיגע אַנגעלעגנהייטן ווי אַנעקסעישאָן, וואַסער-פּייפּליין, אא"וו, און סיי מיט אָפּהיטן דעם אייגנאַרטיגן געהויבענעם לעבנסשטייגער פון תושבי קרית יואל, וואָס שטייט אויס אַ גייסטיגן און פיזישן געפאַר אין פאַל ס'ווערט אויפגעבויט אַ שמוציגע קאַסינאָ אין די נאָנטע אומגעגנט פון קרית יואל. (מ'האָט דאַן נאָך געהאַלטן עטליכע וואָכן בעפאָר די אָפּשטימונג, און עס האָט נאָך געהערשט אַן ערנסטער געפאַר אַז ס'וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ קאַסינאָ נאָנט צו קרית יואל, וואָס וואָלט שטאַרק באַדראָעט די שטאָט חלילה בגשמיות וברוחניות).

[זעט באַזונדער אין היינטיגן "הקריה" דעם פולן טעקסט פון דעם מעיאָר'ס דרשה.]

נאָך די האַרציגע דברים היוצאים מן הלב האָבן אויפגעטרעטן מיט פּאַסנדע

(פאָרזעצונג אויף זייט 31)

# פולע רעדע פון הויכגעשעצטן גאָווערנאָר קאָומאָ ירום הודו

## לאַנגיאָריגע פאַרבינדונג מיט קרית יואל און מעיאָר [ר' אברהם] ווידער

עס איז נישט קיין צופאַל אַז איך האָב געוואָלט קומען קיין קרית יואל אַלס איינע פון די לעצטע אָפּשטעלונגען פון מיין ווידערערוויילונג קאַמפּיין, ווייל עס איז עפּעס וואָס מיינט אַסאַך פאַר מיר אין מיין האַרץ.

די פאַרבינדונג צווישן מיר און מעיאָר ווידער גייט צוריק גאָר לאַנג, און אַזוי אויך די פאַרבינדונגען צווישן מיר און אַנדערע אָנוועזנדע. עס איז פערציג יאָר פון פאַרבינדונגען וואָס זענען געווען ספּעציעל אויסערגעוויינליך, נאָכדערצו אין פּאָליטיק וואו פאַרבינדונגען מעסטן זיך אין געציילטע יאָרן.

די פאַרבינדונג האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַלס אַן אָפּשטאַם פון מיין פאָטער'ס פאַרבינדונגען מיט אייך. איך בין געווען מיין פאָטער'ס קאַמפּיין-מענעדזשער ווען איך בין אַלט געווען 23-24 יאָר, ווען דאַן האָט זיך מיין פאָטער'ס פאַרבינדונגען מיט אייך אָנגעהויבן.

אַ טייל פון מיינע ערפאַרונגען אין אויסוואַקסן אַלס אַ פּאָליטישאָן, איז געווען דאָס באַטראַכטן ווי מיין פאָטער'ס פאַרבינדונגען מיט אייער געמיינדע וואַקסט און אַנטוויקלט זיך כסדר אַלס מער.

די פאַרבינדונג מיט אייך איז אַ פּערזענליכע וויכטיגע זאַך פאַר מיר. איך באַטראַכט דאָס נישט אַלס פּאָליטיק. איך באַטראַכט דאָס אַלס פּערזענליכע פאַרבינדונג! (אַפּלאָדיסמען)

## טיפער רעספּעקט פאַר רעליגיעזע איבערצייגונג

די ערשטע לעקציע פון מיין פאָטער אין דער פאַרבינדונג איז געווען: ער האָט געהאַט אַן אמת'ער און טיפער רעספּעקט פאַר אייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, פירונגען און לעבנסשטייגער און ער האָט פאַרשטאַנען גאָר טיף די ספּעציעלע געברויכן וואָס אייער געמיינדע פאַרמאָגט.

דאָס נעמט אַריין אַלעס - אָנגעהויבן פון האַוזינג, ביז העלט קעיר און עקאָנאָמישע שוועריקייטן. מיין פאָטער האָט געהאַלטן אַז די רעגירונג דאַרף רעאַגירן צו דאָס אַלעס און אַרויסהעלפן אייער געמיינדע ווי מער מעגליך.

קרית יואל איז אין פילע וועגן געווען די לאַבראָטאָריע פון די סאָרט טעמעס, ווייל די אַנטשטייאונג פון קרית יואל האָט אויטאָמאַטיש אויפגעברענגט די טעמעס צום אויבערפלאַך און האָט הויך פאָרגעשטעלט די פראַגע: "וויאַזוי גייט די רעגירונג באַהאַנדלען די טעמעס?" צי עס איז העלט קעיר אָדער דער סקול דיסטריקט, צי סיי וואָס עס איז געווען.

דער ערשטער איינדרוק איבער דעם אַלעם איז אַלץ געקומען פון קרית יואל. דערפאַר איז מיין פאָטער'ס פאַרבינדונגען מיט קרית יואל געווען אַלץ אויף אַ ספּעציעלן שטאַפּל, ווייל אין פילע וועגן זענט איר אַלץ געווען די ערשטע פאָרצושטעלן די פראַגן וואָס זענען אויפגעקומען.

מיין פאָטער איז אַלץ געווען טיף פאַרמישט אין די פולע אַנטוויקלונג פון קרית יואל, דורכאויס אַלע שטאַפּלען, און איז אַלץ געווען פאַרפליכטעט איר צו העלפן.

די געשיכטע איבער'ן סקול דיסטריקט איז בלויז איין ספּעציפישע, אָבער איך האָב מיטגעלעבט די אַלע ערפאַרונגען צוזאַמען מיט אים און ער איז געווען אַנטשלאָסן זיכער צו מאַכן אַז די געמיינדע בליהט.

## פאַרפליכטעט צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם

מיינע פאַרפליכטונגען אין אַלגעמיין צו אידישקייט און צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם, איז איינע פון מיינע פונדאַמענטאַלע יסודות'דיגע אַנשויאונגען. ביים לעצטיגן "סטעיט אָוו די סטעיט" רעדע האָב איך שאַרף פאַרדאַמט דער אַנטיסעמיטיזם אינצידענט ביים פיין-בוש סקול דיסטריקט.

דעריבער, מיין פאַרפליכטונג איז דאָ: עס וועלן זיין פּראָבלעמען וואָס וועלן זיך אַנטוויקלען און מיר וועלן זיי באַהאַנדלען.

## וויכטיגע פּראָגראַמען ערלעדיגט במשך די לעצטע 4 יאָר

איך בין שטאָלץ מיט די טעמעס וואָס מיר האָבן האָבן געלייזט אין די לעצטע פיר יאָר, צב"ש דער "טעפּ" פּראָגראַם פאַר קאַלעדזשעס, וועלכע האָט אַראָפּגענומען אַ באַדייטענדן פינאַנציעלן עול פון דער געמיינדע.

אין ניו יאָרק סיטי האָבן מיר דורכגעפירט דעם טראַנספּאָרטאַציע-הילף געזעץ, וועלכער איז אַן אייגנאַרטיגער פּראָגראַם און איז געווען פּאָליטיש און פינאַנציעל שווער דורכצופירן, און אין בין שטאָלץ אַז מיר האָבן עס דורכגעפירט.

איך האָב אַלץ געאַרבעט מיט אייך, אָנגעהויבן פון מיין פּאָזיציע אין "האָד" און דערנאָך ביים העלפן מיט די העלט-קעיר קליניקס. איך בין אַלץ געווען פאַרפליכטעט צו דער אידישער געמיינדע; עס איז אַלץ געווען ביי מיר אַ פּריאָריטעט און עס וועט אַלץ זיין אַ פּריאָריטעט ביי מיר אייך צו העלפן.

## פאַרשפּרעכט הילף אויף ווייטער

קוקנדיג אויף פאָראויס, פאַרשטיי איך די עקאָנאָמישע שוועריקייטן וואָס אייער עדיוקעישאָן סיסטעם שטעלט פאָר. איך פאַרשטיי די אומצופרידנהייט ביי אייערע געמיינדעס, וואו מען שפּירט אַז די רעגירונג איז נישט אַזוי הילפבאַר ווי זי דאַרף ווען צו זיין אויפ'ן געביט פון עדיוקעישאָן הילף. עס איז נישט לייכט צו פינאַנצירן די עדיוקעישאָן קאָסטן פון קינדער-געבענטשטע פאַמיליעס, וואָס ווען זיי צאָלן דאָס נישט, פאַלט דער עול אויף דער געמיינדע.

אייערע רעכטן שטעלן פאָר פילע קאָנסטיטוציאָנאַלע רעגירונג-רעליגיע פראַגן, אָבער איך האַלט אַז עס איז דאָ וועגן דורכ'ן טעקס-קרעדיט פּראָגראַם אייך צו העלפן (אַפּלאָדירונגען), און מיר ווילן פאָרזעצן אייך צו העלפן.

איך וועל העלפן צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם פון סיי וועלכע פון די גרופּעס וואָס מיר האָבן גערעדט איבער זיי, וועלכע באַקעמפן אייך איבער לאָקאַלע טעמעס, זאָונינג אַנגעלעגנהייטן אָדער לאַנד-באַנוץ אַנגעלעגנהייטן. ווי פאַרשטענדליך וועט אַנטיסעמיטיזם און העצעריי קעגן אייך נישט טאָלערירט ווערן, קיין טראָפּ דערפון.

## פאַרשטייט די פונקטן איבער קאַסינאָס

איבער דעם מעיאָר'ס פונקט איבער די קאַסינאָס, פאַרשטיי איך דעם פונקט, אָבער יעצט האָבן מיר פילע פּראָבלעמען, און איך האָב אַ נייע פילאָזאָפיע יעצט ביים עלטער ווערן. צום ערשט וויל איך באַהאַנדלען די פּראָבלעמען וואָס זענען שוין יעצט דאָ, און דאַן וועלן מיר זיך ספּראַווענען מיט די פּראָבלעמען וואָס וועלן פילייכט אויפקומען אין דער צוקונפט.

עס זענען דאָ 16 קאַסינאָס וואָס האָבן זיך איינגעגעבן פאַר קאַסינאָ לייסענסעס. מיר האָבן נאָכנישט קיין אַנונג ווער פון זיי וועט דאָס באַקומען; וואו די קאַסינאָס וועלן געבויט ווערן. וועלן זיי געבויט ווערן אין אָראַנדזש קאַונטי, אָדער ערגעץ אַנדערש?

איך פאַרשטיי אייער פונקט איבער זיי, אָבער זיי

(פאָרזעצונג אויף זייט 29)

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

-Transportation Department-

# וויכטיגע אויפמערקזאמקייט!

## מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן דעם עולם
אז דורכאויס די ווינטער חדשים
**איז נישט ערלויבט צו פארקן אויף די גאסן אין קרית יואל**

ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט
ארייגשטעלן אין א סכנה **אייערע אייגענע** קינדער

- באסעס פארשפעטיגן צוליב דארפ'ן ארומפארן די קארס און **אייער** קינד ווערט קאלט ווארטנדיג פאר'ן באס.
- קינדער קענען ארויסלויפן אונטער געפארקטע קארס, וואס שטעלן מער אין סכנה **אייער אייגן** קינד.
- באסעס קענען נישט ארייגפארן צו די דעד-ענד גאסן, און **אייער** קינד ווערט אראפגעלאזט פון באס 2 בלאקס אוועק פון אייער הויז.

ביטע באשיצט **אייערע אייגענע** קינדער

# פארקט נישט אויפ'ן גאס!

אויב אייער שכן פארקט אויפן גאס טוט ער דערמיט שטעלן אין סכנה **אייער** קינד.

מיט אכטונג

די טראנספארטאציע דעפארטמענט

# דרשה פון ראש הקהל וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, ביי אויפנאַמע פאַר'ן הויכגעשעצטן גאָווערנאָר ענדרו קאָומאָ יר"ה

אַ גוטן אָוונט און אַ דאַנק פאַר'ן געערטן גאָווערנאָר קאָומאָו פאַר'ן זיך נעמען די צייט אַראָפּצוקומען דאָ קיין קרית יואל ערב די וואַלן. אין בלויז 40 קורצע שטונדן אַרום וועלן די ניו יאָרקער איינוואוינער שפּאַנען צו די שטים-בודקעס, און מיר האָבן די פּריווילעגיע אַז מיר זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין אייער גאַסטגעבער היינט דאָ.

איך וויל אָנצייגן אַז מיר האָבן דאָ אָנוועזנד די פירערשאַפט פון די פיר גרויסע סאַטמאַרער געמיינדעס: פון וויליאַמסבורג, באָראָ פּאַרק, מאָנסי און קרית יואל, אַלעס אונטער'ן פירערשאַפט פון אונזער געערטן גייסטיגן פירער, דער גרענד-ראַביי [כ"ק מרן רבינו שליט"א].

## פּאָזיטיווער וואוקס פון קרית יואל [בליעה"ר]

קרית יואל איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ צאָל פאַמיליעס, וואָס זענען אַרויסגעקומען אַהער אין יאָר 974' און זיך דאָ באַזעצט, און אין 977' איז עס אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אַלס אַ ווילידזש. היינט צוטאָגס האָט זיך דאָס קליינע קערנדל צואוואַקסן אין אַ לעבעדיגע געמיינדע פון אַרום 25,000 איינוואוינער (בליעה"ר).

צוליב די גרויסע פאַמיליעס פון אונזערע איינוואוינער, וואַקסט אונזער באַפעלקערונג מיט אַ ראַטע ארום 3 קינדער פער טאָג (כן ירבו), וואָס מיינט, אַ יערליכער וואוקס פון פינף פּראָצענט (בליעה"ר).

אונזערע גרויסע פאַמיליעס פּרעזענטירן עקאָנאָמישע שוועריקייטן, דאָך זענען מיר גאָר צופרידן אָנצוצייגן פאַרשידענע פונקטן וויאַזוי מיר שפּאָרן די ניו יאָרק סטעיט רעגירונג גרויסע געלטער. אונזערע געמיינדעס זענען פריי פון סיי וואָסערע פאַרברעכנס. קיינע גענג אַקטיוויטעטן, קיינע גאָנס, קיינע דראָגס, און קיינע פאַמיליע געוואַלדטאַטן. אונזער רעליגיע און אמונה האַלט אונז געגרונדפעסט צו שעצן אונזערע פאַמיליעס און צו ווידמען אונזערע לעבנס צו תורה, תפילה און ברענגען פרנסה.

די רעליגיעזע ווערדן ציען זיך אַריבער צו דער ערציאונג פון אונזערע קינדער - וועלכע איז דער נומער 1 אינדוסטריע אין קרית יואל. כמעט 12,000 קינדער ווערן יערליך ערצויגן אינעם ווילידזש, פונעם פּרי-סקול עלטער ביז'ן קאַלעדזש עלטער. אויסער טראַנספּאָרטאַציע, טעקסט-ביכער און סערוויסעס צו די ספּעציעלע-געברויכן סטודענטן, ווערן אַלע קינדער אין קרית יואל ערצויגן דורך אונזערע אייגענע אויסגאַבן. דאָס שפּאָרט די סטעיט יערליך איבער 100 מיליאָן דאָלאַר.

## קרית יואל'ס נאָנטשאַפט און צוזאַמענאַרבעט מיט גאָווערנאָר'ס פאָטער

מר. גאָווערנאָר, אונזערע פאַרבינדונגען מיט דיין פאַמיליע גייט צוריק כמעט 40 יאָר, ווען מיר זענען באַשטעטיגט געוואָרן אַלס ווילידזש אין 977'. דער מענטש וואָס האָט אונטערגעשריבן די אינקאָרפּאָרירונג פאַפּירן, איז געווען קיין אַנדערער ווי אייער פאָטער, דער דעמאָלסדיגער ניו יאָרקער סעקרעטערי אָוו סטעיט.

אין 989' האָט אייער פאָטער געהאַט די וויזיע און קוראַזש צו שטיצן דאָס אויפשטעלן דעם קרית יואל סקול דיסטריקט פאַר אונזערע טייערע ספּעציעלע-און-הענדיקעפּד קינדער, און אין 94', ווען דער סופרים קאָורט האָט אַנידערגעשטימט דעם געזעץ, האָט אייער פאָטער געקעמפט עס צו האַלטן אָפן און האָט דורכגעפירט אַ נייעם געזעץ.

ער איז אַפילו אַראָפּגעקומען קיין קרית יואל, און האָט דאַן פּראָקלאַמירט עפנטליך פאַר'ן פריערדיגן גרענד-ראַביי (מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע) און פאַר די טויזנטער איינוואוינער וועלכע האָבן אים באַגריסט, אַז ער וועט פאָרזעצן צו העלפן אונזערע ספּעציעלע קינדער. ער האָט געזאָגט: "אויב דער געריכט וועט אורטיילן קעגן אונז, וועלן מיר דאָס טאָן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל!"

אַדאַנק אַזוינע מענטשן ווי דיין פאָטער זענען מיר דאָ, און מיר גיבן זיך אָפּ מיט די איבער 250 ספּעציעלע קינדער, מיט די בעסטע "ספּעשל עדוקעישאָן" מעטאָדן און טעראַפּיסטן. מיר ווייסן אַז דאָס אַלעס איז געווען נאָנט און טייער צו זיין האַרץ, און מיר וועלן אים אַלץ זיין דאַנקבאַר דערפאַר.

## דאַנקט גאָווערנאָר פאַר הילף ביז היינט

אַ ספּעציעלער דאַנק איז מען אויך שולדיג פאַר אייך מר. גאָווערנאָר, פאַר אייער אַרבעט אַלס "האָד" סעקרעטאַר, ווען איר האָט געהאָלפן צושטעלן די פינאַנצירונגען פאַר'ן קרית יואל (עזרת חולים) העלט צענטער. אייער באַשטעטיגונג פון די "קאָמיוניטי דעוועלאָפּמענט בלאָק גרענטס" און די "סעקשאָן 108" פאָנדן, האָבן דאָס געמאַכט אַלס אַ רעאַליטעט.

היינט צוטאָגס טוט דער העלט צענטער בליען מיט אַקטיוויטעטן, אַריינגערעכענט דער נייער פּידיעטריק שטאָק און נאָך פילע וואַקסנדע דעפּאַרטמענטס, וועלכע ווערט באַנוצט דורך כמעט אַלע קרית יואל איינוואוינער און אויך דורך פאַמיליעס דורכאויס דעם ראַיאָן, ווען איבער 100,000 פּאַציענטן באַזוכן ווערן יערליך אָפּגעהאַלטן דערינען.

## וויכטיגע פּראָיעקטן פון "אַנעקסעישאָן" און "וואַסער פּייפּליין"

צוליב אונזער שנעל-וואַקסנדער באַפעלקערונג (כן ירבו), זוכן מיר אַלץ וועגן צו אַקאָמאַדירן אונזערע איינוואוינער און צו פּלאַנירן פאַר אונזער צוקונפט. איין וועג וויאַזוי דאָס קען פאַרווירקליכט ווערן, איז דורך אונזער אַמביציעזער פּלאַן, צו בויען און באַהעפטן אַ וואַסער-פּייפּליין צום ניו יאָרק סיטי עקוואַדאָקט, און דערמיט פאַרזיכערן אַ גענוגענדן סופּליי פון ריינע זיכערע טרונק-וואַסער פאַר אונזערע איינוואוינער. אָבער מער פון דעם וועט דער פּייפּליין ערלויבן דעם ווילידזש אויפצוהערן נוצן די [לאָקאַלע] וואַסער-קוועלער, און נישט דאַרפן קאָנקורירן מיט אונזערע שכנים פאַר אונטערערדישע וואַסער-אוצרות.

טראָצדעם וואָס דער וואַסער-פּייפּליין איז אַ געוואַלדיגע לעזונג צו ברענגען האַרמאָניע אינעם ראַיאָן, האָבן אַ צאָל פּאָליטישאָנס און קאָמיוניטי אָרגאַניזירער זיך געמאַכט אַ ציל אָפּצושטעלן דעם ווילידזש פון ווייטער וואַקסן, און צו פאַרמיידן אונזערע קינדער פון דער מעגליכקייט זיך צו באַזעצן נעבן זייערע עלטערן.

אונזער איצטיגער פאַרמעסט איז איבער אַ פאַרלאַנג צו אַנעקסירן באָדנס וואָס באַלאַנגען צו אידן, אַריין צום ווילידזש אָוו קרית יואל. די אַנעקסעישאָן האָט אונז אַריינגעברענגט אין אַן אינטענסיווע דעבאַטע מיט אַ פּאָליטישע באַוועגונג, גערופן "יונייטעד מאָנראָ". די גרופּע אינדאָרסירט סיי וועלכן קאַנדידאַט וואָס אַטאַקירט אונז און אונזער לעבנס-שטייגער. זי טוט שטאָלץ ערלויבן אַנטיסעמיטישע קאָמענטאַרן אויף איר וועבסייט, און ערלויבט פאַר אַן אַגענדע פון האַס צו ערזעצן און שטערן יעדן שאַנס פון אַ דיאַלאָג.

## געבעט צו באַשיצן קרית יואל פון העסליכע אַטאַקעס

אינעם "סטעיט אָוו די סטעיט רעדע" זענען מיר צופרידן געווען צו הערן דיין שטאַרק-מונדליכע קעגנערשאַפט צו די אַנטיסעמיטישע אינצידענטן אינעם פיין-בוש סקול דיסטריקט. דו האָסט קוראַזשפול גענומען אַ פּאָזיציע זיך קעגנצושטעלן קעגן די רודפים ("בוליס"), און זיך אָנצונעמען פאַר די רעכטן פון אַלע ניו יאָרקער.

"יונייטעד מאָנראָ" זעצט פאָר צו אַטאַקירן אונזער וואוקס און פּרובירט צו באַגרעניצן די רעכטן פון אונזערע קינדער דאָ צו וואוינען. מיר בעטן זיך צו דיר צו שטיצן אונזער קאַמף, און נישט לאָזן קיינעם אָפּשטעלן אונזער נאַטורליכן וואוקס דורכ'ן מיס-באַנוץ פון ענווייראָמענטאַלע געזעצן, כדי אָפּצושטעלן דעם וואַסער-פּייפּליין אָדער די לאַנד-אַנעקסירונג.

## שעדליכקייט פון קאַסינאָס פאַר קרית יואל

מיר פאַרשטייען דעם ווילן צו בויען קאַסינאָס כדי צו סטימולירן די ניו יאָרק סטעיט עקאָנאָמיע, אָבער מיר האָפן אַז דו פאַרשטייסט פאַרוואָס די סאַטמאַרער געמיינדע פון קרית יואל איז קעגן די פּלענער פון קאַסינאָס ביי אונזערע גרעניצן. די אָנגעגעבענע ערטער זענען קוים צוויי מייל אַוועק פון אונזערע היימען, שולעס און געבעט-הייזער. זיי זענען טאָטאַל קעגן די ווערדן אויף וועלכע אונזער געמיינדע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם גרענד-ראַביי דזשואל טייטלבוים [רבינו הק' בעל דברי יואל זצוקלל"ה], נאָך וועמען דער ווילידזש טראָגט דעם נאָמען.

דער לעבנסשטייגער וואָס ווערט געמוטיגט אין די קאַסינאָס, איז אין שאַרפן קעגנזאַץ צו דער ערציאונג וואָס מיר גיבן אונזערע קינדער, און עס פאַרלעצט אונזערע פאַמיליע-ווירדן. מיר בעטן דערפאַר אַז דו זאָלסט אָפּזאָגן די פּלענער פאַר קאַסינאָס אין אונזער בעקיאַרד.

אין אַנערקענונג פון דיינע איניציאַטיוון צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמיע אין די סטעיט, שטיצן מיר אַ קאַסינאָ ביים סטואַרט לופטפעלד, אויב אָראַנדזש קאַונטי מוז קריגן אַ קאַסינאָ לייסענס. דער אָרט איז פון אונזער שטאָט דער ווייטסטער מעגליכער אָרט פאַר אַ קאַסינאָ אין אָראַנדזש קאַונטי.

## היפּאָקריסטווע פון אַנטי-קרית יואל העצער

עס דאַרף אָנגעצייגט ווערן, אַז די דערנעבנדיגע מוניציפּאַליטעטן וועלכע זענען אַזוי געשיקט אין אַטאַקירן דעם וואוקס פון אונזער געמיינדע צוליב דער כלומר'שטער אויסווירקונג אויף וואַסער, סוער און טראַפיק, טוען גענצליך איגנאָרירן די פאַקטאָרן אין זייער ציל אַז די קאַסינאָס זאָלן דאָ געבויט ווערן.

אָט די היפּאָקריסטווע טוט קלאָר איבערצייגן די ריכטיגע מאָטיוון פון אונזערע קריטיקירער, און עס פאַרשטערקערט אונזער אַנטשלאָסנקייט צו טאָן מער פאַר אונזערע איינוואוינער, צו פאַרבעסערן זייער לעבנס און פאַרזיכערן זייער צוקונפט.

## סאַטמאַר אינדאָרסירט גאָווערנאָר קאָומאָ פאַר אַ צווייטן טערמין!

דאָ איז נישט די צייט צו פאַרלאַנגען אייער ספּעציפישע הילף מיט די סטעיט אַגענטורן וואָס מיר דאַרפן, כדי צו סערווירן אונזערע איינוואוינער. מיר אַרבעטן נאָנט מיט'ן דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָמענטאַל קאָנסערוועישאָן, די סטעיט טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט און די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט. נאָך דיין ווידערערוויילונג, קוקן מיר אַרויס אויף צו קענען ווייטער נאָנט אַרבעטן מיט דיין שטאַב און מיט די אַגענטורן, צו ברענגען אַ נאָך ליכטיגערן צוקונפט פאַר אונזער געמיינדע.

אויפ'ן באַרוף פון די סאַטמאַרער געמיינדעס אין גרעיטער ניו יאָרק, אונטער דער פירערשאַפט פונעם רבי'ן (רבינו שליט"א), בין איך שטאָלץ צו אינדאָרסירן און שטיצן דיין קאַנדידאַטור פאַר אַ צווייטן טערמין אַלס גאָווערנאָר פונעם עמפּייער סטעיט. מיר וועלן זיין מיט דיר אויפ'ן גאַנצן וועג.

מיר וואונטשן דיר אַ גוטן צוקונפט אויף נאָוועמבער-דעם-פערטן, און מיר בעטן פאַר דיין אָנגייענדיגן סוקסעס אין דער פירערשאַפט פון ניו יאָרק סטעיט.

---

# רעדע פון גאָווערנאָר קאָומאָ

(פאָרזעצונג פון זייט 27)

עקזיסטירן נאָכנישט. דעריבער, איצט דאַרפן מיר זיך נישט מאַכן קיין "צרות" איבער די קאַסינאָס, ווייל זיי עקזיסטירן נאָכנישט היינט צוטאָגס. אָבער איך פאַרשטיי אייער פונקט, און איך וועל דאָס האַלטן אין געדאַנק בשעת מיר גייען פאָראויס.

## באַדאַנקט זיך פאַר מרן רבינו שליט"א

איך טו באַדאַנקען דעם רבי'ן פאַר זיינע ברכות און האַרציגע רייד. עס איז מיר געווען שטאַרק באַדייטנד זיך צו טרעפן מיט אייך היינט און צו באַקומען אייערע גוטע וואונטשן און אייער פריינדשאַפט ערב די וואַלן. אָבער נאָך די וואַלן וויל איך צוריקקומען דאָ, און שפּענדן צייט מיט אייך, באַזוכן די געמיינדע און האָבן אַ פולע פאַרשטענדעניש אויף אייערע געברויכן און וויאַזוי איך קען העלפן.



KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT

בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

אריינטרעטנדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**

אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפי' ערוואקסענע וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# ענדרו קאָומאָ יר"ה

(פאַרזעצונג פון זייט 27)

באַגריסונג'ס ווערטער הרה"ח ר' אהרן וועלץ הי"ו, מנהל מוסדותינו הק' אין באָראָ פּאַרק; הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו, אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדותינו הק' אין וויליאַמסבורג; און הרה"ח ר' משה יוסף האַרטמאַן הי"ו, מראשי קהלתינו הק' אין מאָנסי.

דאַן האָט דער גאָווערנאָר יר"ה גענומען דאָס וואָרט, אין וועלכן ער האָט זיך קודם באַדאַנקט פאַר די וואַרימע ווערטער פון די רעדנער בעפאָר און פאַר די טיפע שטיצע וואָס ער געניסט פון די סאַטמאַרער קהילה אין ניו יאָרק, און פאַרשפּראָכן אַ ווייטערדיגע נאָנטע צוזאַמענאַרבעט מיט ק"ק סאַטמאַר ומוסדותיה אויף ווייטערדיגע יאָרן. באַזונדער האָט ער אויסגעדרוקט אַדאַנק פאַר די האַרציגע ברכה פון מרן רבינו שליט"א. [זעט באַזונדער אין היינטיגן "הקריה" די אויסצוגן פונעם גאָווערנאָר'ס רעדע.]

דער גאָווערנאָר איז דאַן אַרויסבאַגלייט געוואָרן בכבוד הראוי, ווען רבינו שליט"א באַגלייט אים אַרויס ביז אויף דער גאַס. דאָרט האָט דער גאָווערנאָר זיך געזעגנט פון די פאַרזאַמלטע און באַלד פאַרלאָזט קרית יואל, האַלטנדיג אינמיטן די לעצטע העפטיגע אַקטיוויטעטן וואָס נעמען אַלס אַריין די לעצטע טעג פון אַ וואַל-קאַמפּיין.

*

די שטאַרקע השפעה פונעם באַזוך, און די הילכיגע אינדאָרסירונג דורך ק"ק סאַטמאַר פאַר'ן גאָווערנאָר, איז באַזונדער געקומען צום אויסדרוק שוין אויך נאָך די וואַלן, ווען דער גאָווערנאָר האָט געשיקט אַ ספּעציעלן בריוו פאַר'ן חשוב'ן מעיאָר ר' אברהם זיך צו באַדאַנקען פאַר'ן אים שטיצן ביי די וואַלן, און ער האָט ווידערהאָלט זיין פאַרשפּרעכונג אָנצוגיין ווייטער ביתר שאת וביתר עוז צו העלפן קרית יואל מיט אַלעם וואָס מעגליך.

ותטה לב המלכות עלינו לטובה.





גאָווערנאָר קאָומאָ דורכאויס דעם מלכות'דיגן באַזוך בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, הערט פאַרלאַנגען און שתדלנות פאר אחינו בני ישראל אין גרעיטער ניו יאָרק



CUOMO 2014

November 26th, 2014

Honorable Abraham Wieder
Village of Kiryas Joel
PO Box 566
Monroe, NY 10949

Dear Mayor Wieder,

One of the best parts of public service is working with good people to get things done. A lot of the job is tough, as I know you know, but it is incredibly satisfying to be able to say we worked hard, we made sacrifices, and now we have the chance to spend four more years making a difference in New York. Thank you for being a part of this.

I deeply appreciate your support over the years, both in government service and on the campaign trail. Having your backing was very important to both Kathy and me, and I'm grateful for all your hard work on our behalf.

We've got lots to do in the next four years, and I'm glad to have your support as we move forward. I look forward to working with you on behalf of all New Yorkers.

With all my best,

Andrew M. Cuomo

Thank you very much!

גאָווערנאָר קאָומאָ שיקט ספּעציעלן דאַנק בריוו פאַר'ן ראש הקהל און מעיאָר, הרה"ח ר' אברהםווידער, זיך באַדאַנקען פאר קרית יואל'ס שטיצע









גאָווערנאָר קאָומאָ דורכאויס דעם מלכות'דיגן באַזוך בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, הערט פאַרלאַנגען און שתדלנות פאר אחינו בני ישראל אין גרעיטער ניו יאָרק

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL
### BUS TRANSPORTATION SCHEDULE
(845) 783-8300 x14



## WALMART ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 am until 7:10 pm
**Friday:** from 10:00 am until 1:00 pm **Summer:** 3:00 pm ** **Sunday:** from 11:00 am until 6:00 pm

### Riach Hachaim (when open)

**Monday through Thursday:** from 4:00 pm until 7:10 pm
**Friday:** from 1:00 pm until 3:00 pm ** **Sunday:** from 3:00 pm until 6:00 pm

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**
**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :00 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Hayes by Forest | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | :05 |
| • Forest by Acres | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Acres | :08 |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Israel Zupnick by Kahan | |
| • Girl's School-Bakertown | |
| • Frankfurt by Hamburg | |
| • Toltchav by Dinev | :13 |
| • Park & Ride | :15 |
| ✱ • Target | :20 |
| ✱ • Home Depot - Wal-Mart | :23 |
| • *Riach Hachaim* (When Open) | :25 |
| • Spring St. | |
| • Main St. by Franklin Ave. | :30 |
| • D.A. Wieder | :33 |
| • Schunnemunk | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :40 |
| • Seven Springs | |
| • Mountain View | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | :45 |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Acres | |
| • Acres & Lemberg | :48 |
| • Bakertown | |
| • Toltchav by Dinev | :00 |

**EVEN HOURS**
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

| | |
|---|---|
| • Toltchav by Dinev | :00 |
| • Israel Zupnick | |
| • I. Zupnick by Kahan | |
| • I. Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | |
| • Acres by Forest | |
| • Forest by Mountain | :05 |
| • Mountain & Karlin | |
| • Sasev & Volova | |
| • Taitch | |
| • Chevron (Aishes Chayil) | |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Mezabish | |
| • Krakow | :08 |
| • Ruzhin | |
| • Mountain View | |
| • Seven Springs | |
| • Schunnemunk | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :15 |
| • Van Buren by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway (Drop Off on request) | |
| • Forest by Quickway | |
| • Forest by Preshburg | |
| • Forest by D.A. Wieder | :16 |
| • Franklin Ave. (Shortcut to lake St.) | :18 |
| • Spring St. | |
| • *Riach Hachaim* (When Open) | :25 |
| ✱ • Target | :27 |
| ✱ • Home Depot - Wal-Mart | :30 |
| • Leipnik - Tverya | :39 |
| • Meron | |
| • Kahan | |
| • Toltchav by Dinev (Drop Off on request only from wall mart) | |
| • Israel Zupnick By Kahan | :45 |
| • Israel Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | |
| • Acres by Forest | :50 |
| • Forest by Mountain | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Shopping Center | :00 |

✱ (call for verification)
✱ (When Riach Hachim Is Closed)

NEW SCHEDULE (UPDATE) **January 2015**

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:30 am until 6:20 pm

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**
**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :30 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Hayes by Forest | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | :35 |
| • Forest by Acres | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Acres | |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| • Getzel Berger | |
| • Getzel Berger by Kahan | :40 |
| • Girl's School - Israel Zupnick | |
| • Frankfurt by Hamburg | |
| • Toltchav by Dinev | :42 |
| • Bakertown | |
| • Park & Ride | |
| • Dundenberg | |
| • Rt. 32 (Drop Off - on request) | |
| • **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Even hours | :00 |
| • Dundenberg | |
| • Spring St. | |
| • Main St | |
| • Franklin Av. | |
| • D.A. Wieder | :11 |
| • Schunnemunk | |
| • Toby | |
| • Mountain View | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Chevron | :15 |
| • Taitch | |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | :18 |
| • Forest | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Shopping Center | :30 |

(Drop Off on request)

**EVEN HOURS**
**10:30-12:30-2:30-4:30**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :30 |
| • Forest by Quickway | |
| • Forest by Preshburg | |
| • D.A. Wieder | :31 |
| • Toby & Mountanview | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | :35 |
| • Chevron (Aishes Chayil) | |
| • Taitch | |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Forest by Acres | :38 |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Siget | |
| • Satmar by Acres | |
| • Acres by Israel Zupnick | :40 |
| • Israel Zupnick | |
| • Kahan | |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| • Leipnik & Teverya | |
| • Park & Ride | :42 |
| • **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Odd hours | :00 |
| • Dundenberg | |
| • Park & Ride | |
| • Lipnick & Teverya | :06 |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| • Kahan | |
| • Israel Zupnick by Kahan | |
| • Frankfurt by Hamburg | |
| • Toltchav by Dinev | :10 |
| • Girl's School, Bakertown | :15 |
| • Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| • Forest by Israel Zupnick | |
| • Satmar by Acres | |
| • Satmar by Siget | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Forest by Acres | |
| • Forest by Mountain | :18 |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Shopping Center | :30 |

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 am until 6:30 pm
**Friday:** from 9:00 am until 1:00 pm - **Summer Months:** until 2:00 pm
**Sunday** from 11:00 am until 6:30 pm

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**
**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

| | |
|---|---|
| • Toltchav by Dinev | :00 |
| • Kahan by I. Zupnick | |
| • I. Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | |
| • Forest by Mountain | :05 |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :09 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | :10 |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Schunnemunk by Forest | |
| • Koznits | |
| • D.A. Wieder | :15 |
| • Seven Springs | |
| • Mountain View | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | :20 |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Chevron (Aishes Chayil) | |
| • Taitch | :25 |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Shopping Center | :35 |
| • Garfield | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | |
| • Acres - Krolla | |
| • Acres & Lemberg | :38 |
| • Acres - Satmar | |
| • Zupnick | |
| • Meron by Kahan | :40 |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| • Leipnik & Tevrya | |
| • Bussines Center | :42 |
| • Girl's School - I. Zupnick | |
| • Kahan by I. Zupnick | :45 |
| • I. Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | :48 |
| • Acres by Forest | |
| • Shopping Center | :00 |

**EVEN HOURS**
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :00 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Hayes by Forest | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | :05 |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Siget | |
| • Satmar by Acres | :08 |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Getzel Berger | |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | :10 |
| • Leipnik & Teverya | |
| • Bussines Center | :13 |
| • Israel Zupnick by Kahan | :15 |
| • Israel Zupnick by Acres | |
| • Acres by Lemberg | |
| • Acres by Krolla | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Sasev & Volova | :18 |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Mezabish | |
| • Krakow | :25 |
| • Ruzhin | |
| • Mountain View | |
| • Seven Springs | |
| • D.A. Wieder | :30 |
| • Koznits by Schunnemunk | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :40 |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Forest by Acres | |
| • Satmar by Krolla | :45 |
| • Satmar by Hayes | |
| • I. Zupnick by G. Berger | :48 |
| • Getzel Berger | |
| • Kahan by I. Zupnick | |
| • Bakertown by I. Zupnick | |
| • Toltchav by Dinev | :00 |

---

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 2-4-1 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

**לאקעל רוט / טאון רוט / רוח החיים**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75¢ |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די רייזענדע, אז מיר האבן טיקעט ביכלעך וואס וועט ערמעגליכן צו בעסערע פרייזן,**

**$1**
באקומט טשענדזש 25¢ טיקעט, וואס איר קענט נוצן דעם קומענדיגן מאל




**$2**
באקומט טשעינדזש 50¢ טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל




**$5**
באקומט א ביכל
פון 3 טיקעטס
און א 50¢ טיקעט




**$10**
באקומט א ביכל
פון 6 טיקעט'ס
און 2 טיקעט'ס 50¢




**$20**
באקומט א ביכל
פון 13 טיקעט'ס
1 טיקעט אומזיסט




**$30**
באקומט א ביכל
פון 23 טיקעטס
3 טיקעטס אומזינסט




אויב פארט איר קיין
**וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר
**$2.60** (2 טיקעט'ס)
**אנשטאט $3**

**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
**$1.30 פער טיקעט**
אנשטאט $1.50

**געדענקט:**
אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,
קויפט די $30 ביכל,
וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.

מיט דאנק
ווילידזש טראנספארטאציע דעפארטמענט

5/7/14

# קרית יואל שיקט טרייסט-ווינטשן פאַר'ן הויכגעשעצטן גאָווערנאָר ענדרו קאָומאָ, נאָכ'ן פאַרלוסט פון זיין טאַטן, גאָווערנאָר מאַריאָ קאָומאָ

## פון די חסידי אומות העולם - האָט זייער פיל געלייסטעט פאר קרית יואל





ראש הקהל וראש העיר, הרה"ח ר' אברהם ווידער, באַגריסט דעם הויכגעשעצטן גאָווערנאָר מאריא קאָומאָ ביים מלכות'דיגן קבלת פנים לכבודו אין יאָר תשנ"ד



מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע גיבט אָפּ כבוד למלכות ביים קבלת פנים פאַר'ן הויכגעשעצטן גאָווערנאָר מאריא קאָומאָ אין יאָר תשנ"ד, און דרוקט אויס זיין שטאַרקע הכרת הטוב פאר די אויסטערלישע הילף ביים גרינדן דעם "קרית יואל סקול דיסטריקט"

מיט עטליכע וואָכן צוריק האָט ניו יאָרק סטעיט זיך געזעגנט פון דעם געוועזענעם גאָווערנאָר מאריא קאָומאָ וועלכער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 82 יאָר, נאָך אַ לאַנגע פּאָליטישע קאַריערע וואָס האָט אים געהויבן צום שטאַפּל פון נאַציאָנאַלער אַנערקענונג אַלס איינער פון אַמעריקע'ס ליבעראַלע 'לייבן' אויף די פּאָליטישע אַרענע.

דורכאויס זיין פיליאריגע פּאָליטישע קאַריערע האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט אַלס ריכטיגער אוהב ישראל וועלכער האָט זייער פיל געלייסטעט פאר אידן בכלל און די שטאָט קרית יואל בפרט. ער האָט זיך נישט דערשראָקן פון די אַלע חיצים ובליסטראות וואָס זענען געשאָסן געוואָרן קעגן אים דורך די פיינט פון קרית יואל, מבית ומבחוץ, נאָר האָט זיך געהאַלטן שטאַנדהאַפטיג מיט די אויסערגעוועגליכע הילף וואָס ער האָט צוגעשטעלט פאר תושבי קרית יואל אין מערערע געביטן.

דער קרוין פון זיינע פעולות לטובת קרית יואל איז בלי ספק געווען זיין אויסערגעוועגליכע און פעלזן-פעסטע שטיצע וואָס ער האָט צוגעשטעלט לאַנגע יאָרן אַרויסצוהעלפן דעם "קרית יואל סקול דיסטריקט" ווערן אַ היסטאָרישער פאַקט. ער איז געוואָרן אַזוי פערזענליך באַרירט פונעם האַרציגן געבעט פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע און די איבערגעגעבענע הנהלת קרית יואל, אין שפּיץ פונעם באַרימטן ראש הקהל וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, וועלכע האָבן זיך געוואָנדן צו אים בתחנונים אַרויסצוהעלפן די הונדערטער טייערע באַ'חנ'טע נשמה'לעך דערגרייכן צו אַ ריכטיגן חינוך אויף דעם זעלבן וועג ווי זייערע עלטערן און אור-עלטערן, אז ער האָט פאַרשפּראָכן צו טאָן אַלעס אין דער וועלט דאָס צו ערמעגליכן.

און ער האָט ווירקליך געהאַלטן וואָרט. אומצאָליגע שטיינער זענען געלייגט געוואָרן אין וועג פון מערערע ריכטונגען, בדרך כלל אומפאַרגינערישע. ס'איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז דאָס לאַנד'ס סאַמע העכסטע געריכט, דער פעדעראַלער סופרים קאָורט אין וואַשינגטאָן, האָט דערקלערט אַז דאָס געזעץ — וואָס האָט געגרינדעט דעם "קרית יואל סקול דיסטריקט" — איז אומקאָנסטיטוציאָנאַל, אָבער ער האָט זיך נישט דערשראָקן נאָר איינמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעמאַכט דאָס געזעץ צו פאַרזיכערן אַז דאָס איז אויסגעהאַלטן לעגאַל, און אַז דער הייליגער מוסד "שערי חמלה", וועמען ס'איז אוממעגליך צו פונקציאָנירן אָן דעם סקול דיסטריקט, גייט אָן ווייטער אומגעשטערט.

ווי איר זעט אין די נייעס וועגן דעם באַזוך פונעם איצטיגן גאָווערנאָר, ענדרו קאָומאָ, אַ זון פון גאָווערנאָר מאַריאָ, האָט די נאָנטע פאַרבינדונג צווישן קרית יואל און די קאָומאָ פאַמיליע אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן, און איז אַריבער אויך צו זיין זון דער הויכגעשעצטער גאָווערנאָר וועלכער געדענקט נאָך אַליין די שטאַרקע נאָנטשאַפט וואָס זיין טאַטע האָט געשפּירט צו קרית יואל. ס'איז דעריבער טאַקע געווען גאָר פּאַסיג די האַרציגע טרייסט ווערטער וואָס די שטאָט קרית יואל האָט אַריבערגעשיקט צום גאָווערנאָר אין אָנדענק פון זיין באַרימטן טאַטן, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן קידוש השם אין די פּאָליטישע קאָרידאָרן וויאַזוי ערליכע אידן געבן אָפּ כבוד למלכות, און ווי איינגעוואָרצלט ס'איז ביי אונז די מדה פון הכרת הטוב, וואָס קומט זיך זיכער אין אַ ריזיגע מאָס צום גאָווערנאָר מאריא קאומאו פאר זיין אויסטערלישע הילף און געטריישאַפט.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

**For Immediate Release:**
January 2, 2015

**STATEMENT FROM MAYOR ABRAHAM WIEDER ON THE PASSING OF GOVERNOR MARIO CUOMO**

On behalf of the people of the Village of Kiryas Joel, we join the extended *Family of New York* in paying tribute to one of our greatest champions, Governor Mario Cuomo.

We are saddened by the loss of a great man, however honored and thankful to have known his friendship.

While his accomplishments in public service are many, Governor Cuomo's public tenure was marked by a commitment to service, and those in need.

In 1977, as Secretary of State, it was Mario Cuomo who helped create the Village of Kiryas Joel.

For our community, Governor Cuomo's actions are as memorable today, as they were more than two decades ago. In 1989 he boldly created the Kiryas Joel Union Free School District, and five years later, took a selfless step to recreate it, following a decision of the high court.

As a result, in the years that followed, thousands of children and families have received special education services that make their lives more meaningful and fulfilling, thanks to the compassion and commitment of Mario Cuomo.

We express our deepest condolences and sympathy to his wife, former First Lady Matilda Cuomo; and their five children Governor Andrew Cuomo, Maria, Margaret, Madeline, and Christopher.

#

קרית יואל גיבט אָפּ כבוד למלכות און ציינט אַרויס דעם טיפן הכרת הטוב צום לעגענדאַרן גאָווערנאָר מאריא קאָומאָ פאר זיינע פילע לייסטונגען לטובת העיר, ובפרט זיין הילף לטובת דעם מוסד שערי חמלה שע"י ק"י סקול דיסטריקט

# גרינג, ביליג און צוגענגליך



**אינשורענס וועלכע ווערן דא אקצעפטירט:**

- Affinity
- Aetna HMO & PPO
- AmeriChoice (UHC community plan)
- CHP Empire
- Cigna
- Empire Blue Cross
- Fidelis
- GHI-Emblem Health
- Hamaspic Choice
- Hudson Health plan
- MagnaCare
- Medicaid
- Medicare
- Multiplan
- Oxford Liberty
- Oxford Freedom
- United Healthcare
- UHC Empire plan
- WellCare

**סליידינג פי**

אויב איר האט נישט קיין אינשורענס דעקונג פאר'ן היינטיגן באזוך קענט איר געניסן פון אונזער "סליידינג פי" פראגראם צו קענען צאלן גרינגער און ביליגער.

פרעגט אן דערוועגן ביי אייער רעסעפשאניסט אדער פארבינדט זיך מיט אונזער בילינג דעפארטמענט פאר ווייטערדיגע דעטאלן.

**פראמפט פעי דיסקאונט**

צאלט גענצליך אויס אייער היינטיגן באזוך,
און געניסט פון א זאפארטיגע 30% דיסקאונט.

Ezras Choilim Health Center
עזרת חולים קרית יואל
E.C. H.C.
(845) 782-3242

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# בשורה טובה תדשן עצם

עס איז אונז א גרויס פארגעניגן צו מעלדן
אז מיר טוען צושטעלן פאר אלע אונזערע פאציענטן דעם גאר וויכטיגן

## סליידינג פי
## (Sliding Fee)
## פראגראם

צוגעשטעלט פאר אומשטענדן און/אדער פאציענטן וועלכע ווערן
נישט געדעקט דורך אינשורענס פאר סיי וועלכע סיבה, ווי למשל:

- **פראצעדורן וועלכע ווערן בכלל נישט באצאלט דורך אייער אינשורענס.**
- **בחורים, זומער אייננוואוינער, אדער באזוכער פון אויסער די שטאט, וועלכע האבן נישט קיין היגע אינשורענס.**
- **איר טרעפט זיך פאר סיי וועלכע סיבה אן אינשורענס.**

מען קען אויסארבעטן מיט אונזער בילינג דעפארטמענט צו צאלן
ספעציעל ביליגע פרייזן, נאכ'ן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן,
און געוואנדן לויט די יערליכע פארדינסט אד"ג.

איינמאל מען שרייבט זיך איין אין דעם פראגראם, איז מען בארעכטיגט צו געניסן דערפון במשך דעם גאנצן יאר. מען דארף יעדעס יאר באנייען די אפליקאציע צו קענען געניסן פון אונזער פראגראם.

באזונדער איז איינגעשטעלט געווארן דער

## פראמפט פעי דיסקאונט
## (Prompt pay discount)
## פראגראם

פאר פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די "סליידינג פי" פראגראם

אויב באצאלט מען די גאנצע קאסטן אויפ'ן פלאץ פאר סיי וועלכן
פראצעדור (מיט געציילטע אויסנאמען), באקומט מען א **30% דיסקאונט!**

פאר מער דעטאלן
איבערביידע פראגראמען
ביטע זיך פארבינדן
מיט אונזער בילינג
דעפארטמענט אויף

**845-782-3242 #8**

מיט דאנק
# הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin



**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# פובליק סעיפטי דעפארטמענט

## וויכטיגע מעלדונג ליום הפורים הבעל"ט

אויך היי יאר האבן מיר אויפ'ן פארלאנג פון די איינוואוינער, אראנדזשירט אז דעם קומענדיגן פורים וועלן די פאלגענדע דריי צענטראלע גאסן

**סאטמאר דרייוו און העים קאורט ישראל זופניק און געציל בערגער ווערן א**

**ONE WAY STREET**

### עיקערס - סאטמאר - העים:

- ארייצוקומען צו סאטמאר דרייוו וועט מען נאר קענען דורך קראלע דרייוו
- פון עיקרס רד. צו סאטמאר דרייוו (ביי פרענקלס גראסערי) וועט מען נאר קענען ארויסצופארן און נישט קענען ארייצופארן צו סאטמאר דרייוו.
- פון העים קאורט וועט מען זיך קענען דרייען אויף סאטמאר דרייוו, נאר צו רעכטס, ארויס אויף עקעירס.

### ישראל זופניק - געציל בערגער:

- געציל בערגער וועט זיין איין וועג אויף אריין, און ישראל זופניק וועט זיין איין וועג אויף ארויס, ד.מ. אז ביים אריינקומען פון עיקערס צו ישראל זופניק, וועט מען נישט קענען אראפפארן די ישראל זופניק גאס, נאר גלייך דארפן מאכן א רעכטס אויף געציל בערגער.
- די אריינגאנג צו ישראל זופניק גאס וועט זיין דורך בעיקערטאון (פאראדייס).

**די רעגולאציעס וועלן זיין גילטיג אין די פאלגענדע זמנים:**
**מיטוואך ביינאכט (ליל פורים) פון 8:00 ביז 1:00 ביינאכט**
**דאנארשטאג (יום הפורים) פון 11:00 צופרי ביז 4:00 נאכמיטאג**

**מ'בעט די חשוב'ע איינוואוינער זאלן אויספאלגן די אנווייזונגען פון די פאטראלס, וואס וועלן שטיין ביים ראוד ארויסצוהעלפן די דורכפארער און פארגרינגערן דעם טראפיק מיט אלע מעגליכקייטן.**




**עצה טובה:** אויסצומיידן די טרעפיק אויף עיקערס, אויב קומט איר פון די בעיקערטאון געציל בערגער געגנט, פארט אויף בעיקערטאון ביז סעווען ספרינגס (קאונטי רד. 44), און איר וועט אנקומען ביז קאריץ טעטש און עצי תמרים געגנט, און די זעלבע פארקערט

**אכטונג:** געדענקט ביום הפורים דארף מען אויך איינהאלטן אלע טראפיק געזעצן, טיילמאל זענען דא פאלים אויף זייטיגע ראודס אד"ג

**און אוודאי:** אויב האט איר שוין געטרונקען איינצוהאלטן דאס געזעץ און נישט דרייווען, חמירא סכנתא מאיסורא

מיט דאנק
**די פובליק סעיפטי דעפארטמענט**